STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02705

# ALE VERK

## Mendele Mokher Sefarim

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פערלאג
מענדעלע
ווארשע

10 באַנד — 1 בויגן

# אַלע ווערק פון מענדעלע מוכר=ספרים

(ש. י. אבראמאָוויץ)

## צעהנטער באַנד

נײַע פערבעסערטע אויסגאבע

פערקויף: געזעלשאַפט „צענטראַל", וואַרשא, נאָוואָליפקי 7

1928

אַלע ווערק פון מענדעלע מוכר־ספרים
(ש. י. אַבראַמאָוויץ)

# דער פּריזיו

אַ דראַמע אין פינף אַקטען

פערלאַג „מענדעלע" וואַרשאַ
1928

Copyright by S. Sreberk NEW-YORK U. S. A. 1927

Printed in Poland

Zakł. Graf. „Stereotyp" Warszawa Nowolipki 7.

# דער פּריזיוו

„דער פּריזיוו", אַ דראַמע אין פינף אַקטען, איז ערשינען צום ערשטען מאָל אין פּעטערבורג 1884. צווישען דעם „פּריזיוו" און „מסעות בנימין השלישי" (וואָס איז אַרויסגעגעבען געוואָרען אין 1878) איז געווען אַ הפסקה פון 6 יאָהר, ווען מענדעלע מוכר ספרים איז געווען ווי אָבגעריסען פון דער אַרומיגער וועלט. אין דער ווידמונג, וואָס קומט אין אָנהויב פון'ם „פּריזיוו", זאָגט מענדעלע: „די צרות אין דער לעצטער צייט האָבען מיר פערשטיינערט מיין האַרץ, אַזוי אַז די צונג האָט מיך זיך נישט געלעגט צו רעדען און די האַנד צו שרייבען אַ וואָרט"... אָט דער שווערער פּעריאָד אין מענדעלעס לעבען איז נאָך ביז היינט צו טאָג נישט גענוג אויפגעקלערט. עס זענען געמאַכט געוואָרען ביז איצט פערשידענע השערות, ס'זענען אָנגעגעבען געוואָרען סבות, אָבער זיי זענען נאָך, משמעות, נישט אַל"ץ, מענדעלע'ס נאָהענסטער פריינד י. ל. בינשטאָק האָט, אין זיין ביאָגראַפיש־קריטישען אַרטיקעל צו מענדעלעס 25 יאָהריגען יובילעאום אין יאָהר 1894, דערמאָנט וועגען אָט די שווערע אומשטענדען און ער שרייבט: „פון יאָהר 1877 ענטשטעהען אינ'ם לעבען פון ש. י. אַבראַמאָוויטש, צו וועמען דער שיקזאַל איז קיינמאָל נישט געווען איבעריק גנעדיג, אַזוינע אומשטענדען, וואס נעהמען ביי איהם אָב יעדען חשק צו ליטעראַרישע אַרבייט. צו רעדען אויספיהרליך וועגען יענע אומשטענדען האַלטען מיר פאַר איבעריג און אומפּאַסענד" [1])

---

[1]) „וואָסכאָד" 1884, XII. זע די אַרטיקלען פון ש.ל. ציטראָן און ש. גינזבורג אין אַלע ווערק פון ממו"ס באַנד XXI.

ארומעדענדיג יענעם פעריאָד אין מענדעלעס לעבען און בעהאַנדלענדיג די בריעף פון מענדעלען צו י. ל. בינשטאָק'ן פון יענער צייט, שרייבט ש. גינזבורג: „באַטש עס זענען גאַנצע 40 יאָהר פאַריבער זייט בינשטאָק האָט געשריבען זיין אַרטיקעל (גינזבורג'ס אַרטיקעל איז געדרוקט געווען צוערשט אין „צוקונפט" אין יאָהר 1923), פון דעסטוועגען איז נאָך אפילו איצט נישט געקומען די צייט צו רעדען אויספיהרליך וועגען די אַלע אומשטענדען, וואָס האָבען אין פערלויף פון יאָהרען געדרוקט אבראַמאָוויטש'ן און שיער נישט געמאַכט פון איהם אַ תל. מיר וועלען נאָר אָנווייזען, אַז אַ חוץ וואָס ער האָט אין יענער צייט פערלוירען זיין טאָכטער ראַשעל (אַ יונגע, זעהר בעגאַבטע קינסטלערין), וואָס זיין איינציגער זוהן איז מחמת פאָליטישע סיבות אַרעסטירט און דערנאָך אויף עטליכע יאָהר פערשיקט געוואָרען, זענען געווען נאָך אויסערליכע שווערע אומשטענדען, אויך פאַמיליע־אָנגעלעגענהייטען, וואָס האָבען איהם זעהר טיעף געריהרט צוגלייך אי אַלס מענש, אי אַלס יוד — און ביי אַלע צרות, וואָס האָבען זיך נאָכאַנאַנד ווי פון דער „תוכחה" געשאָטען אויף אבראַמאָוויטש'ן — האָבען אויף לאַנג פולשטענדיג פאַראַליזירט זיין שאַפונגס־פעהיגקייט".

אין אַ בריעף, וואָס מענדעלע האָט אין יענער צייט, אין 1881 געשריבען צו בינשטאָק'ן, געפינען מיר צווישען אַנדערען אַזעלכע שורות: „איך שטרעק אויס די הענד, שריי און רוף צו אייך, מיינע טייערע פריינד, איך וויל אויך אויסוויינען מיין האַרץ, איך וויל אויסגיסען מיין שווער, ביטער געמיט און אויך אַרויסזאָגען מיינע שרעקליכע וויטאָגען, אַרויסווייזען מיינע בלוטיגע וואונדען, וואָס איך האָב ערשט נישט לאַנג בעקומען, איר זאָלט זיי מיר אָבנעמען מיט אייערע וואַרעמע טרערען, זיי אָבשפּרעכען מיט אייערע טיעף פונ'ם האַרץ אַרויסגייענדיגע ווערטער... מיר האָרעווען, אַרבייטען און בייטען אויס אונזער מיה, אונזער שווייס אויף פאַפּירלעך. מיר האָבען קינדער, פריינד, וואָס אין זיי הענגט אונזער לעבען, און מיר בייטען זיי לסוף אויך אויס אין פאַפּירלעך, זיי אַליין ווערען דערווייטערט, צוזייט, צושפּרייט, און אַנשטאָט זיי האָבען מיר זייערע פאַפּירלעך — שטומע בריעפלעך. נאַרישער מענש, זינדיגער מענש! דיין לעבען, דיין מיה, דיין גאַנצע אַרבייט, דיין פרייד, דיין תענוג און קינדער, און פריינד — אַלסדינג איז

פוסטע חלומות, זייפענבולבעס און פולע פאַפירלעך. ביי מיר איז אַצינד א צייט, וואָס מיינע קינדער, מיינע בעסטע פריינד זענען אויסגעוועק־סעלט פון מזומנים אין פאַפירען. במזומנים האָב איך גאָרנישט, נאָר לויטער צרות, א הארץ מיט מכות און יסורים!"

אין 1881 איז מענדעלע אַריבערגעפאָהרען קיין אדעס און אַדאַנק די ווירקונג פון זיינע פריינד, האָט מענדעלע זיך געשטאַרקט, גובר גע־ווען די אַלע מכות און יסורים און זיך גענומען ווידער צום שאַפען. וועגען דעם רעדט מענדעלע און זיין ווידמונג צו זיין פריינד, ווענען ער ברענגט א מתנה דאָס ווערק.

„דער פריזיוו" איז אָנגעשריבען אינ'ם פעריאָד נאָך די פאָגראָ־מען פון די 80־ער יאָהרען. אין די הערצער און מוחות פון דעם גרעס־טען רוב יודישע שרייבער און טהוער איז פאָרגעקומען א שטאַרקע אי־בערקערעניש. ס'קומט די גרויסע ענטטוישונג אין די השכלה־אידעאַלען און א נאַציאָנאַלע, נאַציאָנאַליסטישע שטימונג האָט אַלעמען בעהערשט. „מענדעלע האָט זיך אומגעקעהרט צו זיין אַלטער טעמע" - שרייבט ש. ניגער [2]). מענדעלע אליין אין דער ווידמונג צום „פריזיוו" זאָגט: „הגם דאָס יודישע לעבען אונזערס איז אַצינד באַדעקט אַרום און אַרום מיט שוואַרצע, געדיכטע כמאַרעס, שטורעמווינטען בלאָזען פון אַלע זייטען, אומעטום וויסט, עלענד, טרויעריג א שרעק"... דאָך „האָט מיך עפּיס געצויגען אַהין, אין יענעם ווינקעל פונ'ם יודישען לעבען, וואו עס גע־פינען זיך מיינע אַלטע בעקאַנטע פאַרשוינען, פון וועלכע איך פלעג אַמאָל דעם עולם דערצעהלען משונה ווילדע, וואונדערליכע מעשיות. עס האָט זיך מיר שטאַרק געגלוסט ווידער צו מיינע לייט."

„אין „פריזיוו"—זאָגט ש. ניגער—איז דער ריין־קינסטלערישער הו־מאָריסטישער טאָן פון „מסעות בנימין השלישי" נישט שוואַכער, נאָר שטאַרקער געוואָרען... א פובליציסטישע טענדענץ, און א שטאַרקע טענ־דענץ, איז פאַרהאַן אויך אין „פריזיוו", אָבער עס פיהלט זיך א שטרע־בונג צונויפצופאָרען זי מיט דער קינסטלערישער וואָרהאַפטיגקייט... די עצם אינטריגע פון דער דראַמע איז, ווי אָפט ביי מענדעלען, צופעליג.

---

[2]) ש. ניגער—חעגען יודישע שרייבער ב. I, ז. 62

נעקינצלט. דערפאר אבער די פאלקסטימליכע פארשוינען, ווי א שטיי־
נער פייבוש גאטסוואונדער דער לאנד־שדכן, מענדעל דער משרת,
דוואסיע די קיך־מויד, שמואליק דער אויסגעדיענטער ניקאלאיעווסקער
סאלדאט א. א.– אלע זיי שפראצען מיט זאפט און לעבען.

# די פארשוינען.

---

שמחה מאריאשעם, א בעל טאקסע.
שפרינצע. זיין ווייב.
רייזעלע. זייער טאכטער.
זלמן קריסטאל.
זעלדע. זיין ווייב
אלכסנדר. זייער זוהן. א בן יחיד.
רייזעלעס חתן.

ר׳ יוחנצע. דעם רב׳ס
חאסקיל. זיין זוהן.
חינקע. האסקילעס ווייב.
פייבוש. גאטסוואונדער. א לאנד שדכן.

מענדיל. א משרת בײ } שמחה
דוואסיע. א קיך־מויד } מאריאשעס
שמואליק. אנ׳אלטער, אויסגעדינטער
ניקאלאיעווסקער סאלדאט.
הערשעלע. א יונגער סאלדאט.
גיסיע. הערשעלעס ווייב, שמואליקס
איינוקעל.
ר׳ אליה. גלאט א יוד.

איציק דער קרעמער.
ליפע דער חלפן.
די מוהמע אחן א נאז. א גבאי׳טע.
דאס קליינע כלי־זמריל

גידים. פיינע יודען, בעלי־טובות, ווייסע־חברה, פורים־שפילער,
אנעולם מאנסבילען, ווייבער און סאלדאטען.

## מיין טייערער משה!

די צרות אין דער לעצטער צייט האָבען פערשטיינערט מיין האַרץ, אַזוי אַז די צונג האָט מיר זיך נישט געלענט צו רעדען און די האַנד צו שרייבען אַ וואָרט. דאָס איז אַזאַ שווייגען, וואָס מאַכט זיך מיט אַ מענשען ווען שטאַרקע יסורים טרעטען־צו מיט אַמאָל און קאָסט איהם געזונט און לעבען אַסך מעהר ווי קרעכצען און וויינען מיט בלוטיגע טרעהרען; וואָס אויב אַזעלכעס געדויערט אָהן עפּיס אַ הילף פון דער זייט, איז מען אין אַ גרויסער סכנה צו ווערען אוים מענש. דו, טייערער פריינד, האָסט געפיהלט מיין ביטער געמיטה, האָסט פערשטאַנען, דז איך צאַנק און געה אוים ווי אַ ליכט, און זיך גענומען אַרויסצושלאָגען מיר די מרה־שחורה פונ'ם קאָפּ. דו האָסט איבער מיר גערעדט און גערעדט און פון דיינע רעד איז מיר אַראָב דער שטיין פון האַרץ. עס האָט אין מיר זיך געעפענט אַ פרישער קוואַל הייסע געפיהלען און מיך עפּיס אַ ברען געטאָן אויסצוגיסען זיי אין ווערטער פריי פאַר דער גאַנצער וועלט. דאָס איז יענער ברען, וואָס וועקט אין וועסנע אויף דאָס בעטריבטע, פערוואָגעלטע זומערפייגעלע, ערגיץ אין דער פרעמד, צוריקצוקעהרען זיך ווידער אַ היים צו זיין נעסט און צו זיין פריהערדיג שטייגער לעבען... און הגם דאָס יודישע לעבען אונזערס איז אַ צינד בעדעקט אַרום־און אַרום מיט שוואַרצע, געדיכטע חמאַרעס, שטורמווינטען בלאָזען פון אַלע זייטען, אומעטום וויסט, עלענד, טרויעריג אַ שרעק — איז מיר באַלד ביי מיין אויפחאַפּען זיך נאָך אַזאַ לאַנגען שטיל־שווייגען, אויפ׳ן האַרצען דאָך געווען עפּיס גוט. עס האָט מיך עפּיס געצויגען אַהין, אין יענעם ווינקעל פונ׳ם יודישען לעבען, וואו עס געפינען זיך מיינע אַלטע בעקאַנטע פאַרשוינען, פון וועלכע איך פלעג אַמאָל דעם עולם דערצעהלען משונה ווילדע,

וואונדערליכע מעשיות. עס האָט מיר שטאַרק זיך געגלוסט ווידער צו מיינע לייט; קינות, יאָמער און קלאָג אויף דער יודישער שלעכטער לאַגע—אין דער זייט, מיר איז געלעגען מיינס אין זין. שפּילען אַ ווייגעדיגס וועל איך, נישקשה, נישט פערזאַמען שפעטער. מיט צרות האָבען זיי יודישע קינדער, ברוך השם, קיין דאגה נישט. צרות אַלערליי האָבען זיי געהאַט מיט עטליכע טויזענט יאָהר צוריק, צרות אַזעלכע האָבען זיי אַצינד און וועט די אַלע צרות וועלען האָבען אַ עק, ווייסט נאָר איין גאָט אַליין וואויל. און דערווייל איז מען דאָך פאָרט נישט מעהר ווי אַ מענש, אַ בשר־ודם. עס גלוסט זיך פאָרט אַמאָל אַ קוק טאָן אין דער זייט, אַ לאַך טאָן, אַ שפּיל טאָן און טאַקי חאַפּען הינטערווייליכס אַ טענציל אויך.—מיינע אַלטע פאַרשוינען האָב איך געטראָפען, ברוך השם, אַלע פריש און שטאַרק מיט זייערע אַלע אַלטע קאַפּריזען און משונה׳דיגע נענג: זיי פּרוכפּערען און מעהרען זיך, מאַכען זיך אַמאָל נאַריש און רייסען זיך ביי די נעז איבער אַ שפּילכען אַזוי ווי פריהער. די וועלט, נישקשה, בלייבט אַ וועלט.... מיר האָבען איינער דעם אַנדערען באַלד דערקענט און נאָר אָנגעקוואָלען, וואָס, געלויבט איז גאָט. מען זעהט זיך געזונטערהייט. איך האָב זיי אָנגעקוקט מיט גרוים הנאה, גוט בעטראַכט פון אויבען ביז אַראָב און גיב אַצינד אַרוים אַ בעשרייבונג פון אַ טייל נאָר פון זיי אין דעם דאָזיגען בוך.

דו, מיין ליבער משה, האָסט געעפענט מיין פערשטיינערט האַרץ, דורך דיר איז די דאָזיגע ווערק מיינע נולד געוואָרען און דיר ברייננ איך עס דעריבער במתנה. אויב אַנדערע וועלען דיר זאָגען דערפאַר אַ יישר־כח, דאָס ווייס איך נישט. איך פון מיין זייט אָבער דאַנק דיר דאָ פאַר אונזער גאַנצען עולם דערפאַר, וואָס דו האָסט מיך דערמינטערט, געטרייסט און געשטאַרקט מיט דיינע קלוגע און גוטע רעד.

דיין געטרייער פריינד נאָך פון די יונגע יאָהרען

**דער מחבר.**

אָדעססא, 5 יוני, 1884. ________

# ערשטער אקט.

## ביי שמחה מאריאשעס אין הויז.

---

## ערשטע סצענע.

נייטארינס מעסטען שטיקלעך וועביל, שפרינצע און פייביש.

**נייטארינס.** צו צוויי און פופציג ארשין און נאך מיט א עודף. אויב איין שניט, אהן געסטקעס און איינזעצלעך פון באטיסט, וועט אויסגעהן צו פופצעהן העמדער. אבער העמדער, שררות'שע! גאר אנטיק פון וועביל, דין ווי א רויך און פעסט ווי אייזען. (זיי רייסען) אין א גוטער, מולדיגער שעה! אייער רייזעלע זאל טראגען און צורייסען געזונטערהייט.

**שפרינצע**, אמן, אמן, רבונו של עולם! — פארגעסט זשע נאר נישט קיין צוויקלעך, מאכט עס, איך בעט אייך, גוט. וויפיעל האב איך גאט געבעטען, מיין רייזעלען חתונה-קליידער דערלעבען צוזייהען. מיר פאר איהר קאפ! וואס ווייסט זיהר, וואס זי איז פאר א גאלד.

**נייטארינס.** זאל איהר לויכטען אזוי דאס מזל, ווי זי לויכט און שיינט. דער חתן, נישקשה, מעג אנקוועלען וואס צו איהם אין די הענד פאלט אריין אזא ברילאנטענע כלה מיט גילדערנע מעלות און מעשים טובים. קינדערלעך, אייניקלעך און אור-אור-אייניקלעך זאלט איהר מיט אייער מאן, שפרינצעניו, פון איהר דערלעבען, גרויס נחת און

פיעל גוטס. וואו איז זי ערגיץ, די כלה? לאָמיר איהר חאָטש צו-ווינשעווען.

פייבוש (אַריינקומענדיג) אַ, גאָט העלף, שפּרינצעלע! (ער קוקט זיך אַרום, לעגט אַריין די האַנד אונטערן קאַלנער און טהוט זיך אַ קראַץ) אַ פּנים טאַקי, אַז מען זוכט געפינט מען. עס האָט מיר עפּיס געצויגען דאָס האַרץ. האַ, וואוהין געצויגען? צו שפּרינצעלען, שפּרינצעלען! בין איך געקומען און געפונען טע-טע-טע... אַקוראַט, כּ'לעבען, ווי געוואונשען.

שפּרינצע. טאַקי אָט וואָס הייסט אַ שדכן, אַ גוטער פריינד. איהר האָט, נישקשה, אַ חוש הריח און טרעפט תמיד, ווען צו קומען.

פייבוש. אויב פייבוש האָט אַ חוש הריח! פון וואַנען וואָלטען איך גענומען די אַלע זיווגים, ווען נישט דער חוש הריח? אויף אָנ-שמעקען איז פייבוש ברוך השם אַ בריה, איינער אין דער וועלט. (ער סמאָרעט מיט דער נאָז) וואַרט, עפּיס שמעק איך אַצינד... עס שמעקט. דאַכט זיך, עפּיס אַזוי ווי לעקעך און בראָנפען.

שפּרינצע. גערעכט, כּ'לעבען! אַצינד קומט טאַקי לעקעך און בראָנפען. (זי געהט צו דער שאַפע).

פייבוש (צו די נייטאָרינם) ביי מיין יודישקייט! אַזאַ שפּרינצעלע איז נישטאָ, מען זאָל ווייט די וועלט אומזוכען. וואָס זאָגט איהר, ווי זי שטויסט זיך אָן. — (שפּרינצע שטעלט אויפ'ן טיש אַטאַץ מיט לעקעך און אַ פלאַש בראָנפען מיט קעלישקלעך).

נייטאָרינם. (צוזופּנעהמענדיג די שטיקלעך וועביל אין אַ פּעקיל) זייט גע-זונט, שפּרינצע!

שפּרינצע. נאַט אייך חאָטש צו שטיקלעך לעקעך. אפשר וועט איהר איינטונקען אין אַביסעל בראָנפען? — ניין! נו געהט זשע געזונטערהייט. למען השם, צוויקלעך, עס זאָל, חלילה, איבער אַ צוויקעל אַ העמד נישט קאַליע ווערען (די נייטאָרינם געהען אַרוים).

פייבוש (דרעהט דעם שפּיץ בערדיל, קוקענדיג אויפ'ן פלאַש בראָנפען) טריי-טריי-ריי, הים—הים.

שפּרינצע. מאַכט-זשע ברכה, ר' פייבוש, וואָס שטעהט איהר?

פייבוש. עט... ברכה, מהיכא תיתי, זאָל זיין ברכה (ער גיסט אָן אַ קעלישעק און נעהמט אין דער האַנד) לחיים, שפּרינצעלע!... עס זאָל זיין ווי מיר ווינשען. דער זיווג זאָל עולה יפה זיין און מיר זאָלען

הנאה האבען... ביז דער חתונה איז נישט וויט און דענסטמאל מוז איך בלי נדר געבען שבת פאר דער מחותנתטע און געה מיט אייך א קאזאק. (ער טרינקט).

שפרינצע. אוי רבונו של עולם! אוי לעבעדיגער פאטער, טאטע רחום, צדיק!

פייבוש. אי, פע, שפרינצעלע, וואס איז דאס פאר איין איי! א חתן האב איך אייך געגעבען טאקי נאר קפריסין, מיט אלע מעלות, און איהר.....

שפרינצע. ניין, ר' פייבוש, חלילה, נישט דאס, נישט דאס....

פייבוש. ניין, איך וויל גאר נישט הערען, לאזט זיך דינען. אבגילטען בין איך ווערטה זאל מען מיך פאר אזא שידוך. נאט אייך א דרייער פאר יענע פלאסקעדריגעס. עפים אזא חתן ווי אלכסנדר וואלגערט זיך אויפ'ן מיסט! איהר ווייסט, וויפיעל מען וואלט היינט פאר איהם געגעבען? אזא געלערענטער, א בריה, טע־טע־טע...

שפרינצע. דאס פערשפארט איהר מיר גאר צוזאגען, ווער נאך אזוי ווי איהר ווייסט, ווי איך האב מיך געלייגט אין דער לייגג, אין דער ברייט ביז מיין שמחה האט געמוזט דעם שידוך איינווילינגען, א קאטאוועס בין איך פון מיינעם אויסגעשטאנען! אי נאך היינט חאפט ער זיך א מאל ארוים אקעגען מיט א ווארט.

פייבוש. אוודאי, כ'לעבען, מעג אייער ר' שמחה אויף אייך, אויף מיר זיך בלאזען! א פנים, ער ווייסט, וואס הייסט היינטיגע צייטען א בתולה, ווי איהר קוקט מיך אן, שפרינצעלע, בין איך שוין אין דעם ברויט, הא, פארט וויפיעל מיינט איהר?... ווי די מעשה איז, עס האט זיך ביי מיר גערעדעהט, אהער א דרעה, אהין א דרעה, עס האט זיך גערעדעהט און היינט, זאג איך אייך (ער קוקט אויפ'ן פלעשיל בראנפען) ווי דאס איז א שהכל, אז ס'איז פע, חלשות! וואס איז היינט א מיידיל? עס ווערט אזש טרוקען אין האלז ריידענדיג.

שפרינצע. נעהמט א ביסעל בראנפען, ר' פייבוש, לאזט זיך נישט בעטען.

פייבוש (קווינקעלט זיך) טא, וואס קען עס שאדען, איך וועל אייך צוליב טאן (ער טרינקט) יא, פע, פע, בנאמנות! — קנישעס, א שטייגער, קענט איהר זעהר גוט מאכען, וואס טהוט איהר, שפרינצעלע? איהר נעהמט קעז, טייג און קלעפט אוים נאר א וואוילען קניש. ביי

מיר אָבער קלעפּט זיך די צייטען ניט. ס׳איז דאָ אַ בתולה, אַ בחור, דאַכט זיך אַ שידוך, און עס קומט פּאָרט אוים אַ קאָטער. פּאַר וואָס, זילט איהר וויסען, זאָגט זשע מיר, זאָלט איהר מיר געזונד זיין, וואָס איז דער פּאָסטערנאַק נאָך דעם ערשטען דונער? פערדאָסט, מחילה, חלשות. אָט האָט איהר אייך דאָס שדכנות נאָכדעם אז בײַ אונז האָט זיך אָנגעהויבען די בילדונג-שמילדונג. עס האָט אינגאַנצען פערלוירען דעם טעם. בתולות זענען אָהן עין הרע אָנגעזעצט, ווילען נעבעך, חתונה האָבען און חתנים זענען ווי אויסגעטריקענט געוואָרען. די זענען נעבליבען כטיבונעס, האַרטע רעטיך ווי דעמב, יענע ווילען, חתונה האָבען נאָר אויף אַ נייעם שניט, עפּים מיט אויבער-הסכּרות, און אַזעלכע וואָס לאָזען זיך שוין יאָ ריידען שידוכים, קוקען נאָר אויף דער מטבע, הייסען זיך אָבגילטען. טפו זאָל עס ווערען! מען מוז נעהמען אַביסעל בראַנפען, האָטש עס ווילט זיך נישט. לאָמיר זיין געזונט, שפּרינצעלע (ער טרינקט).

שפּרינצע. לאָז אייך וואויל בעקומען. עסט אייך פונדעסטוועגן נישט אָב דאָס האַרץ, ר׳ פייבוש. נישקשה, די וועלט איז נאָך נישט הרוב געוואָרען. אַזוי לאַנג דער זינדיגער מענש לעבט, מוז מען התונה האָבען. חתנים, נישקשה, וועלען זיך געפינען.

פייבוש. חאַפּט זיי דער וואַטעל-מאַבער! אַוודאַי מעג זיך אַייער מאַן בלאָזען. פערצוקערן וואָלט מען דאָך היינט אַזאַ חתן ווי אלכּסנדר. אַ געלערענטער און דערצו נאָך אַ בן יחיד. איהר פאַרשטעהט, וואָס הייסט היינט אַזוינס אַ בן יחיד! זינט דער פּריזיוו איז אַ מינדסטער ליגאָבניק אַ גרויסע מציאה, אַ קאַלעקע, אַ בעל-מום — יקרות - טייער. אַ פערכיל, מחילה, איז אַ מתנה פון זיין ליבען נאָמען, גאָלד און זילבער. ווען האָב איך צעהן אַזעלכע בעל הבתישע, טע-טע-טע-טע! ...

....... זשע נישט, שפּרינצעלע, און מאַכט, כ׳לעבען, נישט קיין אוי.

שפּרינצע: איך זינדיג נישט, חלילה. איך אויקע נאָר אַ מאָל, ווי דערלעב איך שוין איבערקומען דעם היינטיגען פּריזיוו און ריי- זעלעס חתן זאָל שוין זיין פריי. ער איז טאַקי אמת אַ בן יחיד, נאָר גאָט ווייס, וואָס קען זיך נאָך מאַכען.

פייבוש: איהר רעדט, האָט מיר קיין פאַריבעל נישט, ווי אַ ליטוואַק, וואָס גלויבט נישט ביז ער צעהלט נישט איבער. איהר האָלט, אַ פּנים, שפּר נצעלע, משכּון בבית — שלום בקעשענע. (הינטער דער טיר הערט זיך אַ קול: בעל הבית׳טע, בעל הבית׳טע!)

שפרינצע. בלייבט נאָך, בלייבט, ר' פייבוש, מיר וועלען נאָך
שמועסען. איך געה נישט אויף לאַנג (זי געהט אַרויס)

---

# צווייטע סצענע.

פייבוש, דערנאָה דוואָסיע.

פייבוש. וואָס פעהלט מיר, דאַכט זיך, וואָס נעהט מיר אָב ע
עיך מיר צולעגט דאָ אויפ'ן שטול, ווי ביים טאַטען אין ווייַנהויז, אין
שכנות מיט לעקעך און אַ פלעשיל בראַנפען, איינער אַליין!.... (ער גיסט
אָן אַ כוס קוקענדיג אויפ'ן פלעשיל מיט אַ שמייכעלע) לחיים, פייבוש! גאָטוניו
זאָל געבען, דאָס רעדיל זאָל זיך דרעהען (ער טרינקט געשווינד אויס), עך!
האָט זיך עס אַ מאָל ביי מיר געדרעהט, געדרעהט. יודען האָבען זיך
געחאַפּט ניכער, גיכער חתונה צו האָבען. ס'איז געווען פרנסה. און
היינט... וואָס מיר היינט... (ער גיסט אָן אַ כוס, טהוט אַ זופּ און שפּייט אויס)
פע! היינטיגע בתולות, בחורים, משטיינס=געזאָגט!.... עפּיס איז זיי נאָר
נישט איינצובייסען. אַלץ אַליין, אַליין, אַפּילו שידוכים אויך אַליין צוויי
שען זיך, מיט דער מאָדע, מיט דער פּאָליטיקע. מיין קאָפּ זאָל אַזוי
נישט קרענקען, ווען רייזעלע מיט איהר חתן זאָלען איינער אין דעם
אַנדערען זיך נישט פערליאַפּען, אויב איך וואָלט עפּיס געפועלט. גלאַט
זיי האָבען זיך אָנגעשמעקט און דרינגען גאָר אונטערגעשטופּט. אַ גוטע
וועלט, כ'לעבען, אַ שענע רייזעלע!... שענע בתולות, פיינע בחורים
די היינטיגע, שפּאַרען שוין אָן אין בעל=הבתישע ערטער אין גאַנץ
יודישליכע הייזער! געה לעב, האָב פרנסה פון אַזעלכע (ער דערגיסט דעם
כוס מיט אַ שמייכעלע) הנני מוכן ומזומן לקיים כוס שלישי, עט, נישקשה, בטחון,
בטחון!... לאָזען נאָר, גאָטוניו, דיינע יודעלעך אַביסעל קומען צו זייערע
קרעפטען און זיך פרוכפּערן און מעהרען, דענסטמאָל קנאַק איך מיט
דער בייטש טשאַקענדיג, אַרויסשטעקענדיג דער וועלט צעהן פייגען.

(ער פרינקט מיט אמאָל אוים און פערקרימט זיך) ביטער! לעת עתה האָב איך אפיינ. עס דרעהט זיך, דרעהט זיך דער קאָפּ. א ביטערע, ביטערע צייט. (ער קוקט אווילע שטיל, שאַרף אין פלעשיל) דרעה מיך אַהין, אַהער... צאַפּעל זיך.... דאָ אין דער משקה. צעהן פייגען, חע-חע-חע! וועמען שטעק פון דאַנען? איך מיר אַליין טאַקי אַרוים. קוקו! נאַ, א פייג, א פיי... (ער לאָזט אראָבהייגען דעם קאָפּ אין שפּאַרט אָן מיטן, שטערען דעם טיש. פוג'ם קאָרידאָר הערט זיך א בייזערן. דוואָסיע לויפט אַריין געשווינד. פערקאַטשעט די אַרבעל ביז די עלענבויגענס מיט א באַרשט אין דער האַנד).

דוואָסיע. נו א טאָג! א בייזע מהומה אויף מיינע שונאים'ס קעפּ. עס שטעלט זיך היינט דער גוטער טאָג. די בעל הבית'טע קאָמאַנדעוועט, הוא הא, הא הוא! און דער בעל הבית פערקרימט זיך ווי פרעדאַ נאַ פּיאַטניצאַ, איז עפּים אויף דער לינקער זייט היינט אויפגעשטאַנען. און צו וועמען לאָזט זיך עס אינגאַנצען אוים? צו דוואָסיעס קאָפּ! דוואָסיע — דאָס, דוואָסיע — יענץ, דוואָסיע — אַהין, דוואָסיע—אַהער. דוואָסיע, שונא ציון, צעריים דיך. דוואָסיע, שפּרינג אוים דער הויט!... אָט האָסט דו דיר...

פייבוש (ווי פונ'ם שלאָף צוצויגען מיט א גענייץ) א פייג!

דוואָסיע (אַרומקוקענדיג זיך פערוואונדערט) טפו! וואָס האָט זיך מיר געחלומט די נאַכט און יענע נאַכט...

פייבוש (טשוכעט זיך) בחורים, פיינע בחורים...

דוואָסיע. א לשון אביסעל!

פייבוש (אויפשטעהענדיג) אַזוי, שפּרינצעלע, ווי מחילה, אַזאַ ליטוואַק....

דוואָסיע (אין דער זייט) ווי, מחילה, א שכור!

פייבוש (אויסקנאַקענדיג זיך די ביינער מיט א שמייכעלע) הע, פע! א גוטען!... אויף דער חתונה, אם ירצה השם, געהען מיר, בלי נדר, ביי א קאָזאָק. (ער געהט אַרוים).

דוואָסיע (פערקוימענדיג זיך) אָט צוואָג איך מיך!...

# דריטע סצענע.

דוואסיע, דערנאך מענש.

**דוואסיע** (שטעהט און בעטראַכט איטליכם ווינקעלע, שאָקלענדיג מיט דעם קאָפּ) וואָס דאָ טהוט זיך אַביסעל!... אומעטום ברעקלעך, שטיקלעך גאָר ווי אין אַ הקדש, — טפו! אַז רייזעלען גלוסט זיך חתונה האָבען, איז ווער שולדיג? דוואָסיע! געה קעהר, ראַם. דו נאָר בינסט אַ מענש און יענער, כ׳לעבען, האָט גאָר קיין נשמה נישט. אוי, דערבאַרמדיגער גאָט. לאָמיך היינטיגעס יאָהר אויך עפּיס אויפגעריכט ווערען. שוין צייט, צייט, כ׳לעבען! (זי נעהמט זיך קעהרען, זינגענדיג דערביי פאר זיך צוצויגען אונטער דער נאָז).

אויפ׳ן פריפעטשיקעל ברענט אַ פייעריל
און אויסען קוימענדיל געהט אַ רויך,
אַז איך דערמאָן אין מיין בעשעהרטען זיך,
פאַרליהר איך, אוי, דעם קאָפּ און דעם מוח.

אין דרויסען געהט אַ רעגענדיל.
אין שטיבעלע איז זיך פאַרנע,
אויף דער גאַנצער וועלט איז אַ פרייד
און מיר איז ביטער און מאַרנע.

(פונ׳ם קאָרידאָר הערט זיך אַ געשריי: דוואָסיע! דוואסיע!)

**דוואָסיע** (פאַר זיך). אַ, אויף די צייהן! אויף די צייהן! אַ קול אַביסעל ווי איין עשו (זי רופט זיך אָן) אָט געה איך, געה! (אין דער טיר שטעקט זיך אריין אַ קאָפּ פון עפּיס אַ יודענע. דוואסיע שושקעט זיך מיט איהר און אין דער געשושקעריי האַפּען זיך ביי איהר אַרוים ווערטער הויך אויף אַ קול) אַזוי? אויף היינט אין אָווענט האָט איהר איהם ביי זיך בעשטעלט?... גוט, עלקע!... איך וועל מיך זעהן אויסרייסען. האַ, וואָס? שבת׳דיג זאָל איך מיך אָנטאָן?... נו, נו!.... אַ שענער?.... גוט, גוט, עלקע... איך וועל קומען... געהט

געזונד... (זי געהט ארויף אויבענאַן צו) אַ יונגער=מאַן גאָר אַ וואוילער. אַ קאָפּ גאָר אַ פּאַנקוכען, אַ פּאָר באַקען ווי צוויי פּעטע, פּערבּרוינטע חרעמזלעך, אַ ניידעריל ווי אַנ׳אָנגעפּילט העלזיל· מחיה! ער איז נישט קיין בעל מלאָכה, נישט קיין משרת, גאָר גלאַט אַזוי זיך אַ פיינער יונגער=מאַן. (מיט אַ זיפץ) עס איז שוין געווג אָך און וועה, אַז ר׳ כתריאל דעם מלמד׳ס אַ טאָכטער זאָל דינען, זיין אין דער פרעמד, נאָר איך זאָל נאָך נעהמען עפּיס אַזאַ פּאַשנע מענשען, ניין! אַזאַ בזיון איז שוין צו גרויס... (זי נעהמט זיך ווידער קעהרען און זינגט צו).

אונ מיר איז ביטער און מאַרנע.
טפו, מיינע שונאים, מיינע שונאים!

און פלוצלים דאַכט זיך עפּיס אַ שאָרך,
ע=הע, ע הע, אין האַרצען טיאָך=טיאָך!

(זי וואַרפט קעהרענדיג אַראָב מיט דער באַרשט עפּיס א פודעלע) אַ, אין דער ערד מיט דעם קאָפּ! געה שטעל זיך נאָך קלייבען. (זי הייבט אויף יא פאר קרעלענע אוירענגלעך מיט אַ קעלנעריל און נעהמט זיך זיי בעטראַכטען) גאָר אַנטיק, כ׳לעבען, פון אוירינגלעך. רייזעלעס כלה=מתנות: עס פאַרנעהמט די אויגען! איך בין אַ בעלן זיי אָנצומעסטען, וואָס פאַר אַ פּנים וועל איך אין זיי האָבען (זי טהוט אן די אוירינגלעך, קוקט אין שפּיגעלע און שמאָכט פאר גרוים הנאה) אָך, שען! מיט׳ן ווייסען קעלנעריל וועט נאָך שענער אויסקומען. (זי נעהמט זיך אנמעסטען דאס קעלנעריל, קוקענדיג אין שפּיגעלע, מאכט מיט דעם קעפּעלע און זינגט זיך אונטער):

ע=הע, ע=הע, אין האַרצען טיאַך=טיאַך.

מ ע נ ד י ל (קומט גאנץ שטיל אריין. געהט צו אויף די שפּיץ פינגער הינטער דוואכיען, שאקעלט איהר נאך מיט דעם קאפּ און קושט מיט א העוויה׳לע די פינגער) אַ מחיה, צוקער=זים!

ד וו אָ כ י ע (שטארק בעשעפּטיגט מיט זיך, שמאָכט און ברומט אונטער)

צו מיר, צו מיר דו נשמה מיינע,
ליובע=לעב! רופט ער, ליובע, איך בעט!
איך געה און קום צו מיין זים לעבּ׳
און טהו חאַפּ אַ קוש, אַ גלעט.

מ ע נ ד י ל (שטיל מיט אַ העוויה׳לע) עס קאָטערט זי, עס האָבען איהר זיך צושפּילט די געבליטען. דאָס ליע=בעפלעשעלע, א פּנים, העלפט.

(ער נעהמט ארוים פונ׳ם בוזעם עפּיס א פלעשעלע, נעצט אַיין א פינגער און דער־
לאנגט פלוצלים דוואסיען הינטען אויפ׳ן האלז אַ שמיר, מאכענדיג דערביי)

און טהו און חאפּ אַ שמיר, אַ גלעט.

דוואָסיע (קעהרט נישט טויט, נישט לעבעדיג זיך אום און ווארפט בשעת
מעשה ארוים פון מענדילס האנד דאס פלעשעלע, וואס צוברעכט זיך אויפ׳ן דיל):
אין דער ערד אַריין, ימח שמוניק איינער! ס׳איז מיר ענטפאַלען דאָס
געזונד. וואָס איז פאַר אַ מאָדע קיצלען זיך? נאָט אַייך נייעס, ער
קיצעלט!... איך וועל דאָך דיר דערלאַנגעז אַ קיצעל, אַז דו וועסט דאָ
די נכפה בעקומען.

מענדיל. דוואָסעניו, איך חלש, איך שטאַרב! אַזוי שען ביסט
דו היינט. ס׳איז דיר אין פּנים נישט אַריינצוקוקען, ווי אין דער ליכטיגער
זון. אוי, ליובע־לעב, חלש איך, אַ קוש, אַ קוש!

דוואָסיע. נו, מענדעלע, ווער פאַרברענט! איך האָב נישט
קיין צייט.

מענדיל. עפּיס אַזא מלאכה, וואָס מען ברויכט דערצו צייט?!
דוואָסיעניו, האָב אַ רחמנות אויף אַ יודישע נשמה! איך וועל דיר געבען
כלה־מתנות אַזעלכע אוירינגלעך, אַ סאַמעטען מאַנטעל, אַ גילדען
קייטעלע און אַ בראָשקע. דו וועסט ביי מיר זיין אַ פריצה, אַ שררה׳סטע,
אַ גראַפינע, אַ פרינצעסין, אַ רביצין!... (ער חאַפּט דוואָסיען אַרום, פלוצלים
הערט זיך פונ׳ם קאָרידאָר אַ געשריי: דוואָסיע, דוואָסיע!)

דוואָסיע. אַ, אויף די צייהן, אויף די צייהן!... אַז רייזעלען
גלוסט זיך חתונה האָבען, זעצט מען פון דוואָסיען די נשמה אַרויס...
הערסט דו, מענדעלי? געה דיר, געה צו אַלדי שווארצע יאָהר. לאָז
אָפּ (אַוועקלויפענדיג פון זיך געשווינד די אוירינגלעך און דאס קעלנעריל רייסט זי זיך אוים
פון מענדילס הענט מיט אימפעט אזוי, אז מענדיל פליהט צו א ביינקעל און קעהרט
מיט איהם זיך איבער אויף דער ערד).

# פערטע סצענע.

מענדיל, שמחה און ר׳ יוחנצע דעם רבי׳ס

**מ ע נ ד י ל** (מאַטערט זיך אויפשטעהן און זוכט דאָס היטעל) אַבי דער קאָפּ מיינער איז גאַנץ, דאָס היטעל וועט דער שוואַרץ יאָהר נישט צונעהמען... אָ, נישקשה, דוואָסעניו, מיר וועלען זעהן, וואָס דו וועסט היינט אין אָווענט בײַ עלקע דער קאָרטענוואַרפערין זאָגען, חאַ-חאַ-חאַ, אַ גוטע ממזר׳תע די עלקע. ווי זי מיהט זיך פאַר מיר! נאַט אַייך אַ פּזמון פון ראש חדש קרעמניץ, עפּיס אַ חתן וויל זי היינט אָנקוקען! חאַ-חאַ-חאַ, דוואָסעניו! חתונה פגרסט דו דאָך טאַקי צו האָבען, וועסט קומען צו פליהען אויסגעפוצט און לסוף וועט גאָר מיינער ווי פונ׳ם הימעל אַראָבפאַלען. סקאָציל קומט, דוואָסעניו! עלקע מיט איהרס, איך מיט מיינס און מיר וועלען דיך אַיינבײַסען... אַ שדכן איז אַפילו חשובער, גאָר וואָס זאָל מען טאָן? אַז תשעה באב איז נישטאָ קיין פליי, מוז מען יוצא זיין מיט וואַנצען. (ער הויבט אויף און בעטראַכט דאָס צעבראָכענע פלעשעלע) עס זאָל דאָס איבערבלייבען חאָטש אַ קאַפּ! פינף און זיבציג קאָפּיקעס מיין בלוט האָב איך בעצאָהלט סטעמפעניון אָט פאַר דעם ליבע-פלעשעלע. ער האָט געשוואָרען, אַז ביים צווייטען, דריטען שמיר מוז יענע דיך ליב האָבען און ציהען בײַ די פאָלעס... מיר דאַכט זיך, עס האָט אָנגעהויבען טאַקי אַביסעל צו ווירקען, נאָך היינטיגען שמיר איז דוואָסיע געוואָרען ווייכער. ס׳איז שוין גאָר נישט דער וואָרף וואָס פריהער!...

**ש מ ח ה** (קומט אריין און בלייבט שטעהן פערוואונדערט) וואָס טהוט זיך דאָ אַזוינס, מענדיל?

**מ ע נ ד י ל** (אנידערשטעלענדיג אין איילעניש דאָס אומגעפאלענע ביינקעל) נישט אויסצוהאַלטען פון דער קאַץ, אַוועקגעראַנגעלט האָב איך מיך דאָ אַביסעל מיט דער שענער קאַץ!...

**ש מ ח ה.** וואָס, מיט יענער, וועלכע איך האָב געטראָפען ערשט אַרויסשפרינגענדיג פון דאַנען? אויב יענע איז אַ קאַץ, ביסט דו, מענדיל, אַ קאָטער! — אַזוי, שייגעץ איינער, ביסט דו אַ מענש אין דער

טאַקסע! זאָג נאָר, וואָס הערט זיך מיט די אָקסען, וואָס מען האָט היינט געקוילעט? ביסט דאָרט אין דער באַיניע געווען?

מענדיל. אַ נס, כ׳לעבען, וואָס איך בין ביי׳צייטענס אַהין אָנגעקומען. עס האָט געקענט ווערען אַ גוטע חתונה. דער שוחט האַלט אַ לונג און לעבער, ר׳ יוחנצע בלאָזט, שטופט אַ פינגער, קרימט זיך מיט אַ פערפרומט פנים׳ל, ווי ס׳איז איהם עפּיס שטאַרק נישט רעכט, און שאָקעלט מיט דעם קעפּעלע׃ אַז ער האָט מיך דערזעהן, ווי איך שטעה און קוק איהם קרום אָן, איז ער געבליבען ווי דערוואָרגען, געמאַכט עטליכע מאָל טאַ, טאַ — און דער שוחט האָט אַ זאָג געטאָן: כשר... דער רוח זאָל איהם וויסען, וואָס ער קריכט אַהינצו. נישט אַנדערש, ער מיינט שוין ווייטער עפּיס... קאַרג לעדוויצעס נעהמט ער איבער, אַ נעהמען זאָל איהם דער....

שמחה. שאַ, מענדיל! ס׳איז נישט דיין עסק.

מענדיל. אָבער זיין עסק איז עס אויך נישט. וואָס פאַר אַ מחותן איז ער מיט דער טאַקסע? קאַרג פאַר איהם מאיר־בעל־הנס־פּושקע, ארץ־ישראל־געלד, נאָך און נאָך און נאָך.... דם צפרדע, כנים איהם, די אַלע עשר מכות!

שמחה. תרבות! ווי עפּענט זיך עס דיר אויף דאָס מויל אויף אַזאַ פרומען, עהרליכען יודען, וואָס שטאַמט פון בערען, פונ׳ם גנילאָ־פּיאַטקער רב׳ס געזינד!

מענדיל. אוי, האָט דער בער לאַפּעס! ניט אומזיסט קריכט ער און שטעקט אַריין די מאָרדע. ער וויל מסתמא אָבלעקען אַ ביינדיל. הלוואַי איך זאָל ליגען זאָגען, דער בער זאָל נישט קומען און נעהמען אין דער טאָרבע.

(ר׳ יוחנצע קומט אריין, גיט אַ קוש די מזוזה און פערגלאָצט די אויגען מיט אַ זיפּצעלע).

שמחה (געהט ר׳ יוחנצען אקעגען) ברוך הבא, ר׳ יוחנצע! זעהר אָנגעלעגט, כ׳לעבען.

מענדיל (אין דער זייט) אָנלעגען זאָל ער מיט דעם קאָפּ!

ר׳ יוחנצע. אין אַ מצוה־זאַך, ר׳ שמחה... הגם ס׳איז אַביסעל שווערליך, בין, לא עליכם, עפּיס אוי... פאַר קודשא בריך הוא איז עס פאָרט קיין תירוץ נישט. וואָס טהוט מען מיט יודישע קינדער, נעבעך?... שטעלט זיך נאָר דער טאָג, איז אַלץ מצוות, מצוות.

מענדיל. (פון דערווייטען) נאָך גאַנץ פריה היינט כלחוך השור,

האָט ר׳ יוחנצע ניבטערהייט געקוקט דאָרט, מחילה, אין איין אָקס אריין. גאָט זאָל זיי נאָר דערלענגערן די יאָהרען.—וואָס ווילען זיי אויף שבת, אַ לעדוויצע צו אַ לעקער?

ר׳ יוחנצע. בע... ווייס איך וואָס... עט.

שמחה (אַקוק געבענדיג בייז אויף מענדעלן) נעה שוין דיר דיין וועג! האָסט, דאַכט זיך, נייטיגע אַרבייט.

מענדיל. ר׳ יוחנצען פרעגען, וואָס זייער גוטער ווילייי איז, איז דאַכט זיך אויך נייטיג. (ער געהט ארויס)

---

# פינפטע סצענע.

פריהערדיגע אהן מענדלן.

שמחה (נאכדעם ווי אקענען א רגע איז שטיל) אַזוי, יוחנצע? אין אַ מצוה־זאַך, זאָגט איהר.—וואָס קוועטשט איהר זיך עפּיס, הא?

ר׳ יוחנצע. אוי, אוי, אַלץ, לא עליכם, מיט די מירידין... לאמיר עס אָבמאַכען בקיצור. אַ שוחט, ר׳ שמחהלע, אוי, נאָך אַ שוחט!

שמחה. ביי אונז איז שוין אָהן דעם דאָ גענוג שוחטים, וואָס קאָסטען אַ קאַסע; צו וואָס נאָך איינער? מען וועט דאָך אַרויפלעגען ווייטער אויפ׳ן פלייש, דער עולם וועט שרייען און גערעכט זיין.

ר׳ יוחנצע. פאַר קודשא בריך הוא איז עס פאָרט קיין תירוץ נישט... ביי אַ שטיקעל סירכא קלאַפּט דאָס הארץ, אפשר, חלילה, טרעפען די אַלע נישט. ווי באַלד נאָר עפּיס אַ חשש איז שוין אַי, אַי... אַלסדינג כדאַי. מען וועט שרייען! — מילא, דעריבער לאָמיר נעהמען אויף אונזער קאָפּ אַזאַ עבירה? דערנאָך, אל תפתח פה לשטן, אַז קליינע קינדער וועלען שטאַרבען, ווער וועט שולדיג זיין — מיר! פאַר וואָס, וועט מען שרייען, האָט מען צוגעלאָזט חטאים!... געוואַלד, וואָס פאַר אַ מצוה פאַר יודען איז שחיטה!

שמחה. פאַר וואָס ביז אַצינד איז רעכט געווען און פּלוצים איז נולד געוואָרען נאָך אַ שוחט? אַ גאַנץ איבריגע זאַך, כ׳לעבען. עס זעט שלעכט זיין אי פאַר דעם עולם אי טאַקי פאַר מיר. איהר ווייסט אייך אייערס און איך מיינס.

ר׳ יוחנצע. אוי, לא עליכם... בקיצור, ס׳איז רעכט. חוץ לזה, מוזט איהר וויסען, וויל ר׳ שמעלקי אויף ווייטער נאָך אַ גראָשען איהם פון דער אָקע פליש.

שמחה. גאָט איז מיט אייך, ר׳ יוחנצע, וואָס רעדט איהר? אַ פּופּצעהן יאָהר אַז ר׳ שמעלקי נעהמט אַ דרייער פון דער אָקע פאַר די הילצערנע קליטלעך זיינע אויף פליש צו פערקויפען. אַ שפּאַס, וויפיעל ער האָט שוין איבערגענומען, און פּלוצלים נאָך אַ הוספה!

ר׳ יוחנצע. און אונזער ר׳ טודרוסעל וויל אָנשטאַט אַ האַלבער טאַקי אַ גאַנצע קאָפּיקע פון דער אָקע.

שמחה. פאַר וואָס, פאַר די פינף הונדערט קערבלעך, וועלכע ער האָט אויסגעליהען, אַזוי הייסט עס, צורעכט מאַכען די באָד מיט דער מקוה! די באָד איז עד־היום טאַקי אַ חורבה און די מקוה שטינקט, מחילה, ווי פריהער, איין עיפּוש... אַזוי פיעל יאָהר נעהמט ער, נעהמט און פּלוצלים נאָך אַ הוספה! עס גרוילט דאָך דאָס לייב הערענדיג. מיר קומט דאָך אויס טאַקי צוצולעגען דעם קאָפּ און צוואַרפען די טאַקסע. ר׳ יוחנצע, איך בעט אייך, מאַכט, עס זאָל בלייבען ווי פריהער. לאָז מען נישט שרייען.

ר׳ יוחנצע. און אגב טאַקי האָב איך אַליין צו אייך אַ שטי־קעל בקשה. איהר זאָלט מיר ניט אָבזאָגען.

שמחה. אָך, אַלסדינג פון אייערטוועגען, אַלץ וואָס נאָר מעגליך.

ר׳ יוחנצע. אוי, אַ שווערער, ביטערער גלות!—מיין חאַצקעלע, אוי, בעדאַרף געהן צום היינטיגען פריזיוו. אַז אָך און וועה, צו וואָס מיר האָבען זיך דערלעבט, אַז אַ חאַצקעלע, אַ זיידען קינד, פון אַזאַ הייליגער משפחה, דערצו נאָך אַ מטופל, נעבעך, מיט ווייב און קינדער מוז בעוונותינו הרבים זיך שטעלען! טאַקי גאָר משיח־צייט. מילא האָב איך געוואָלט אייך בעטען—אוי, לא עליכם.... מיינע שטעכעניש אויף די שונאי ישראל—בעטען איבערצורעדען מיט דעם דאָקטאָר און נאָך אַזעלכע. פאַרשטעהט איהר?

שמחה. אָ, שווערליך און דערצו אויך טאַקי עפּיס פריקרע.... איז חאַצקעלע אייער ער געזונט?

ר׳ יוחנצע. מכּח געזונט איז, צווישען אונז גערעדט, בעזואָהרענט. די לעצטע צייט איז ער נישקשהדינג פּונ׳ם פּנים אַראָב, נישט צו דערקעי׳ען איהם... אָט מכּח דעם בעדאַרף איך וויטער אייער טובה. זלמן, אייער מחותן, מאַכט אַ מורא, באַם בּיים פּריזיוו וועט נישט צוגעהן כּשר, וועט ער אויסגעבּען... פאַרשטעהט איהר מיך... זיין בּן יחיד, דער חתן אייערער, שטעהט אויך אויפ׳ן פּריזיוו. איהר פאַרשטעהט?

שׂמחה. ווילט איהר, הייסט עס, איך זאָל רעדען מיט זלמנען. אָט דאָ האָט איהר מיר פאַרגעבּען אַ שווערען לייענען! איהר ווייסט דאָך, ווי שטאַרק מחולק מיר בּיידע זענען. איך געה מיר אויף מיין דרך און ער אויף זיין וויטען דרך.

ר׳ יוחנצע. און דער חתן אייערער, משטיינס-געזאָגט, איז פערקראָכען העט, העט אויף נאָך אַ וויטערן דרך. אַי, אַי, ר׳ שׂמחה׳לי! ווי קומט צו אייך אַזאַ שעטנז? (ער סמארעט מיט דער נאָז) אלכּסנדר! עפּיס, רחמנא-ליצלן, גאַר דייטשעריש. ווענען מען האָט דאָ צו פערהיטען!... אוי, ר׳ שמחהלי, זייט איהר דערפאַר ווערטה...

שׂמחה. פיינינט מיך נישט, ר׳ יוחנצע! לאָמיר דערפון, איך בּעט אייך, נישט רעדען.

ר׳ יוחנצע. (אויפהייבענדיג זיך) וואָס זשע, האַ, ענטפערט איהר מיר מכּח יענעם?

שׂמחה. וואָס, מכּח אייער בּקשה?

ר׳ יוחנצע. אַי... איך מיין מכּח די פריהערדיגע ענינים.

שׂמחה. ווי גאָט איז אייך ליבּ, ר׳ יוחנצע, רייבּט עס אָב! מאַכט, עס זאָל בּלייבּען ווי פריהער. מכּח אייער בּקשה וועל איך מסתּמא שוין זעהן...

ר׳ יוחנצע. טאַ, איך וועל מיך פּריווען... (ער לאָזט זיך געהן צו דער טיר און קעהרט זיך פּלוצלים אום) גוט, כ׳לעבּען, איך האָבּ מיך דערמאָנט. עט, איך נעניטיג מיך אַצינד, געניטיג איך מיך אין אַ גמילות חסד. אַזוי, עטליכע קערבּלעך.

שׂמחה. וואָס זשע האָט איהר לכתחילה דאָס נישט געזאָגט! עפּיס דאָס ערשטע מאָל איז מיר צו געבּען אַ גמילות חסד. (ער שטעקט ר׳ יוחנצען אין דער האַנד אריין) זעהט זשע, ר׳ יוחנצע, איך פערלאָז מיך שוין אויף אייך.

ר׳ יוחנצע. נו—נו. האָט זשע אין זינען מכח... (ער קושט די מזוזה און געהט ארוים).

שמחה. (שטארק אויפגעבראכט) נישט אויסצוהאַלטען, תמיד איז נאָר גיב, גיב, גיב! יענעמס מקורבים, אָרמע קרובים גיב שטעלען אין דער טאַקסע, דעם גיב בעשטימטע קצבה, אָדער קלאָמפערשט גמילות חסדים. היינט לא־יחריץ־געלד עזות־פנימער, אָנחאַפער, זאָגטערס, קאָכלעפעל, שטאָדטפעטערס, פאַקטוירים, דרעהקעפּלעך, הענטשקע־לשון־ריידער, פאַטשערקעסמאַכער, עצות־געבער, וועלכע מען בעדאַרף פערשטאָפּען די מיילער און מען מוז נאָך שווייגען. געה דערצעהל דעם עולם מעשיות און רייץ אַקעגען דיר אויף אַ וועלט מיט פיינע, לייטישע מענשען... גנבים, בלוטצאַפּערס, ווערט פערכאַפּט אינאיינעם מיט דער טאַקסע!... (שפרינצע און רייזעלע קומיי אריין).

# זעקסטע סצענע

שמחה, שפרינצע, רייזעלע, דערנאָך אלכסנדר.

שפרינצע: איך זוך דיך שוין, שמחה. צייט איינהאַנדלען דעם קינד חתונה־קליידער. גיב געלד!

שמחה: נישט אויסצוהאַלטען. איין קול: גיב, גיב, גיב!

שפרינצע: הערט נאָר אַביסעל, ווי ער האָט זיך צושריגען! גזלנים זענען איהם איבערגעפאַלען.

שמחה: זאָלסט דו טאָקי וויסען, שפרינצע, גזלנים!... לאָז מיך, כ׳לעבען, צו רוה. איך בין, אָסור, נישט משוגע, און וויים וואָס איך שריי.

שפרינצע: געגוג שוין דיינע שטעכווערטלעך. מען ווייסט, מען ווייסט, אַז דיר געפעלט נישט... ציה מיך נישט ביי דער צונג. נאָר וואָס וועט עס דיר אָבער העלפען... מיר פאַר דיין קאָפּ, רייזעלע,

דו וויינסט? שאַ, נישקשה! מעגסט זיך, כ׳לעבען, שעמען, שמחה. אַזוי רעדט אַ טאַטע!

שמחה. אַי, אַי, שפּרינצע!

שפּרינצע. וואָס זאָל איך דאָ מיט איהם טענה׳ן. קום, רייזעלע, קום און לאָמיר לאָזען צורוה דעם טאַטען

רייזעלע (צופאַלענדיג צו שמחה׳ן) טאַטעניו, דו ביסט דאָך אַזאַ גוטער, ליבער טאַטעניו! קרענק מיך נישט, איך בעט דיך און זיי אויף מיר נישט אין כעס.

שמחה. נישט אויף דיר, רייזעלע, חלילה! ס׳איז דאָ אויף וועמען אַנדערש אין כעס צו זיין.

שפּרינצע. דאָס, טאַכטער, איז איין אָנצוהערעניש מיר. מיך מיינט ער... הא, וואָס פאַרט האָב איך דיר, מיין מאַן, אַזוינס געטאָן?

שמחה. דו? גאָרנישט... ביסט אַ גאַנץ ערליכע יודענע, הרייסט נאָר אַמאָל איידער דו ווייסט פאַר וואָס. אפשר האָב איך שיינט געהאַט אַ קרענקונג, עגמת-נפש און בין דעריבער אַביסעל אויפגעבראַכט.

שפּרינצע. בעט איך דיך הונדערט מאָל מחילה. דערצעהל זשע מיר, שמחהניו, וואָס איז אַזוינס? דערצעהל.

שמחה. אַיין אַנדערש מאָל, שפּרינצעלע. אַצינד מוז איך נייטיג אויף אַ ווײַלע אַוועקגעהן. — נאַ דיר דאָס שליסעלע און נעהם פונ׳ם קעסטעלע דאָרט אַליין אַרויס, וויפיעל דו בעדאַרפסט. (ער געהט).

שפּרינצע, נעבעך. ער האָט נאָך היינט אין מויל נישט געהאַט.

רייזעלע. (זעצט זיך און נעהמט אויסצייכנען נאָזטיכלעך) און דו מאַמעניו, האָסט איהם נאָך אַביסעל... ער איז דאָך צו דיר אַזוי גוט.

שפּרינצע. מיין ראָליע ביי איהם אויף אַלע מיינע ליבע געזאָגט געוואָרען. איך האָב די דעה. פונדעסטוועגען מוז מען אַמאָל — חאָטש נאָר לפנים — זיך טאָן אַ בייזער. שטענדיג גוט טאָר מען אפילו מיט דעם בעסטען מאַן נישט זיין... די מענער זענען פייער און מיט פייער בעדאַרף מען וויסען ווי אומצוגעהן.

רייזעלע (האַלט אַ אויסגעצייכענט טיכעל שפּרינצען פאַר די אויגען) קוק אָן, מאַמעניו, P. K. מזל טוב מיר מיט דעם נאָמען! אונטער דעם

לעצטען אות וועל איך אריינטרעטען אין אַ ניי לעבען, מיט אַ נייער פאמיליע און אַ ניי מזל. איך בין איבערגליקליך.

שפרינצע. גליקליך, טאָכטער, זאָלסט דו טאַקי אייביג זיין. דאָס מזל זאָל דיר לייכטען און שיינען ווי דער ליכטיגער מאָרגענשטערען.

רייזעלע. איך בין איבערגליקליך. און דאָך פיהל איך אין הארצען מיך עפּיס... ווי זאָל איך דיר זאָגען... עפּיס אַביסעל ווי בעליידיגט. לעב אַזוי פיעל יאָהר מיט דיין נאָמען און פלוצלים פאַרענדער איהם. עס קומט אויס, עפּיס זענען מיר חפצים, מיר בייטען תמיד און טראָגען דעם נאָמען פונ׳ם בעל הבית, וועלכען מיר געהערען. פּריקרע!...

וואָס זאָגסט דו, מאַמע? די מענער זענען פייער. (אלכסנדר קומט אריין).

שפרינצע. שווייג שוין, שווייג, ווייס איך וואָס איהר פאלט איין!

רייזעלע. (מיט אגעלעכטער) דו הערסט, אלכסנדר, וואָס די מאַמע זאָגט, מען בעדאַרף וויסען ווי מיט פייער אומצוגעהן.

אלכסנדר. פייער איז אַ גנב, אָבער אַקעגען וואָס?...

רייזעלע. חאַ-חאַ?חאַ, דאָס ווייס איך שוין אַ קעגען וואָס, שאַ! ווארום אַט טהו איך מיך אַ בייזער.

שפרינצע. (טייטענדיג מיט דעם פינגער אויף דער נאז) אַי, רייזעלע, ביסט דו אַ שפעטערין! (צו אלכסנדר׳ן) ווייס איך, וואָס זי וויל דיר דאָרט אַביסעל פאַרדרעהען דעם קאָפּ. (זי געהט ארויס).

---

# זיבעטע סצענע.

## רייזעלע, אלכסנדר, דערנאָך דוואָסיע.

אלכסנדר. נייעס, רייזעלע! זעהר וויכטיגע נייעס.

רייזעלע. עפּיס גוטס, האַ? שאַ, נישט קיין וואָרט! דיין פּנים זאָל מיר פריהער זאָגען. נעהענטער צו מיר מיט דעם פּנים!

אלכסנדר. (שמעלענדיג זיך נעהענטער) ע״ע, רייזעלע, דו הויבסט

אָן בײצײטענס מיך צוזושטירען; עס פּאַסט, כ׳לעבען, נישט פאַר אַ רעביצין.

רײזעלע. וואָס איז דאָס פאַר אַ נײער טיטעל?

אַלכּסנדר. גאַנץ פּשוט. אַז דער מאַן איז אַ רב, איז דאָס װײב אַ רביצין.

רײזעלע. און אַז דער מאַן הײסט שמעריל, הײסט דאָס װײב שמערעליכע, עס פערשטעהט זיך, אַלץ דער מאַן. נו, זאָג שוין, וואָס איז אַזוינס די מעשה?

אַלכּסנדר. מען וויל, בשעת די ווײבאָרעס, מיך וועהלען דאָ פאַר רב. און ווײסט דו, וועמענס אויפטהו דאָס איז? ר׳ יוחנצעס! ער האָט עס היינט געלאָזט זאָגען דעם טאַטען מיינעם. וואָס זאָגסט דו, דערצו, רײזעלע?

רײזעלע. און דו, וואָס זאָגסט דערצו?

אַלכּסנדר. ס׳איז דאָ צוזאָגען אַזוי און אַזוי. וויל מען, איז אַ רב עפּיס נישט אַזאַ חשיבות. זאָג נאָר, איך בעט דיך, דו קענסט פּנחס חאָרט, בעריל טאַראַראַם, פײביל פּאַנפּע, חייקיל קאָכלעפעל און איציק פאַלגע מיט דער גאַנצער כנופיא?

רײזעלע. אָ, זעהר גוט. זײ זענען שכּורים, ארץ־פּיאַסקע, עזות־פּנימער, שקצים, אַנהאַפּערס, וואָס אין דער קאָרט. נאָר צו וואָס מישט דו זײ פּלוצלים דאָ אויף?

אַלכּסנדר. אָט ווער עס וועהלט געוועהנליך בײ אונז, יודען, און אונטער וועמען אַ רב איז אונטערגעוואָרפען!

רײזעלע. נו, אַלכּסנדר, אויב אַזוי, רעד זשע גאָר נישט דערפון, ס׳איז דאָך גאָר אַ חרפּה.

אַלכּסנדר, וויל מען אָבער צוריק שמועסען, קען אַ רב, אויב ער פערלאַנגט נאָר, זעהר פיעל ווירקען. בײ אונז יודען זענען דאָ גוזמאות־זאַכען, וואָס מען בעדאַרף און וואָלט געקענט פּאַרבעסערן. איך בעריהם מיך נישט, רײזעלע, אַז איך בין אַ געלערענטער מיט אַלע מעלות, נאָר איך האָב אַ יודיש האַרץ. איך בין יונג, מיט פרישע קרעפטען און וויל מיט דעם גאַנצען לעבען אַרבײטען און ברײנגען עפּיס נוצען.

רײזעלע. אַצינד פערדינסט דו אַ הײסען קוש. (זי קוּשט אלכּסנדר׳ן) דו ווערסט אין מיר האָבען אַ רביצין, וואָס וועט, נישקשה, פערדינען צו־טראָגען דעם נאָמען...

אַלכּסנדר. היינט ווייטער, רייזעלע, לאָמיר רעדען צווישען אונז ווי פּראָסטע בשר ודם, גאַנץ פּראַקטיש. ליב האָבען מיר זיך ביידע טאַקי זעהר שטאַרק. אָבער די בערעכענונג בעדאַרפען מיר דאָך האָבען אַזוי: ווי לעבּט מען נאָך דער חתונה? קעסט עסען, ווי אַ יודיש פּאָר־פאָלק, דאָס איז נישט גוט, נישט רעכט, נישט שען, אַ דערנידריגונג פאַר זיך און אַ אומגליק פאַר די קינדער אויף שפּעטער. לעבען־זשע פונ׳ם נדן, וואָס דיין מאַמע גיט, עפּיס אויך נישט אַזוי גוט... (ער לענט אַרויף די הענד אויף רייזעלעס אַקסלען) וואָס קוקסט דו, רייזעלע, מיך עפּיס אַזוי שאַרף אָן? דיינע אויגען בליצען ווי פלאַם־פייער.

רייזעלע. איך שעם מיך, נאָר עס העלפט נישט... מען מוז מודה זיין, מיר, ווייבער, זענען שוואַכער, ווייכער און נישט בערעכענט. בעהערשט אונז איינמאָל דאָס האַרץ, הערשט עס שוין אָהן אַ שיעור און מיר לאָזען זיך פיהרען העט, העט... איך קען דער פּראַקטיקע, דעם ריינעם אמת קאַלט אין די אויגען אַריין נישט קוקען אַזוי ווי דו.

אַלכּסנדר. אין דיינע רעד איז דאָ אַ שאַרף שטעכווערטעל, וואָס שטעכט מיך ווי מיט שפּילקעס. איך פאַרשטעה, נישקשה, וואָס דו מיינסט. פאַרשטעה־זשע אויך, וואָס איך האָב מיט מיינע פריהער־דיגע רעד געמיינט. איך האָב עס געזאָגט אָקעגען דעם, צו בעווייזען דיר גאָר, אַז די ראַבינער־שטעלע, וועלכע ר׳ יוחנצע האָט פאָרגעלעגט, איז אַצינד פאַר אונז ווי געוואונשען... אַי, רייזעלע, רייזעלע, נאָך ווייסט דו נישט, וואָס פאַר אַ שטאַרקע שליטה דו האָסט איבער מיר! (ער נעהמט רייזעלען אַרום און ביידע שטעהען אַרומגענומען אַ היבשע צייט שטיל. — דוואָסיע קומט פּלוצלים אַן מיט אַ טישטוך און טעלער אין די הענד).

דוואָסיע. די בעל הבית׳טע האָט מיר געהייסען גרייטען צום טיש.

רייזעלע. (אַרויסהאַפּענדיג זיך פון אַלכּסנדרס הענד) שוין מיטאָג, אַזוי פריה!

דוואָסיע. אַ זאָג אַביסעל, פריה! אייך פליהט די צייט און מיר דאַכט זיך אַ שרעק ווי זי קריכט. ר׳ אַליקום חיריק איז שוין גע־גאַנגען מנחה דאַווענען, טעמעצעס קוה איז שוין געקומען פונ׳ם פעלד, די היהנער פּאַדען זיך שוין זעצען אויף דער סידעלע, ליפּשע שרייט שוין: הייסע באָבּקעס, יודעלעך! אויפ׳ן פריפּעטשיק איז שוין קיין פונק פייער נישטאָ און ביי לייטען טראַכט מען שוין אַרום דער וועטשערע.

רייזעלע. שאַ, דוואָסיע, עפּיס האָט אין דיר זיך געעפענט

אַ קוואַל רעד, דו שיטסט ווי פון אַ זאַק. שאַ, לאָז זיין מיטאָג און לאָז מיך געמאַך! (זי גערט מיט אַלכסנדר'ן אַרויס).

---

# אכטע סצענע.

## דוואָסיע און מענדיל.

דוואָסיע. (אויסגעצוואָגען, פאַרקעהמט יום-טוב'דיג, אין אַ קליידעל מיט אַלע מיני מאָדעס אונאויינעם) און אַז ס'איז אַביסעל פריה, מה רעש!... ווען אַביסעל נישט דערקאָכט, עפּיס אויך נישט אַזאַ אומגליק. איהר האָט צייהן, וועט אַיינבייסען, נישקשה... זיי מעגען אַלסדינג. שטעהען זיך בּיידע אַרומגענומען, קאָשקען זיך, ליובען זיך, טשמאָק, טשמאָק! און דו, דוואָסיע, היניע, פלאַץ, געה, שונא=ציון, אויס. בּין אויך אַ מענש, אַזוי שמייליג ווי איהר!... ווי דערלעב איך שוין פטר'ען דעם שעָנעם מיטאָג, פערשטאָפּען זיי די מיילער און בּייציטענס אַרויסהאַפּען זיך אַהינצו... צו עלקען. אוי — זיסער גאָט, לאָמיך שוין אויך עפּיס אויפגעריכט ווערען! (זי קוקט זיך אָן אין שפּיגעל, טאַפּט זיך בּיי די האָר מיט אַ שמייכעלע) נישקשה, דוואָסיע איז נאָך קיין מעשה ניי"ט און וועט אַנדערע אין די פּאָטרעבעס פאַרשטעקען... איך וועל איהם געפעלען, נישקשה, היינט בּיי דער נאַכט... מזל טוב! וועלען מאָרגען פריה, נעבען דער יאַטקע, מיר עם זאָגען מיינע חברה'ס, דו בּיסט למזל אַ כלה געוואָרען, און אַליין בּשעת מעשה האָבען די: גאַל. — אַ שעָנעם דאַנק וועל איך ענטפערן, מיט מזל זאָלט איהר לעבען! און דערבּיי טראַכטען: פּגרט, ווערט צוזעצט פאַר קנאה. לאָז זיך יענער פּוקען, עפּיס גאָר מחיה, בּ'לעבען. עם הייבּען מיר זיך אַזש די פּיסלעך פאַר פרייד. (זי זינגט אונטער, אָנגעהמענדיג זיך בּיי'ם קליידיל און טאַנצט אַקעגען שפּיגעל. וואַרפענדיג מיט'ן קאָפּ אין אַלע זייטען).

אבינו מלך,
ס'האַרץ איז מיר פרעהליך,
פרעהליך וועלען מיר זיין.

טרינקען וועלען מיר וויין,
וויין וועלען מיר טרינקען,
קרעפלעך וועלען מיר עסען,
(הא, וואס געהט דארט נאך, נאכ'ן עסען? יא, אזוי:)
און נאך עפּיס נישט פאַרגעסען.

מענדיל. קומט אריין, בלייבט שטעהן נעבען דער טיר און פליעסקעט צו מיט א העוויה־לע) אַזאַ מזל! אַזאַ יאָהר! טאַנץ דוואָסעניו!... אם ירצה השם, אויף חתונות, אויף ברית'ן, מיט מיר אינאיינעם ביז הונדערט און צוואַנציג יאָהר!

דוואָסיע. בעקום די נכפה, ימח שמוניק איינער! אַט איז ער שוין דאָ, דאָס אָנשיקעניש. בראָש צאַטעוועט ער מיך, געהט מיר נאָך אויף שריט און טריט ווי אַ קוה אַ קעלביל.

מענדיל. גראַפינע, פרינצעסין, רביצין, בת מלכּה! אַ צאַפּ נאָר אַ פּורים־קוילטיש. אַ פּאָר באַקען נאָר אַ פערברוינטער עפּיל־קוגעל. געשמאַק מחיה, עס גלוסט זיך אַ בּיס טאָן (ער טהום זיך אַ לאז) אַט וועל איך, דוואָסעניו, דיך... אַזש נו!...

דוואָסיע. (שוין ווייכער) נו, גענוג, דו אָנשטעלער, חן־מאַכער! האָרך בעסער, איך האָב צו דיר אַ בקשה.

מענדיל. פון דיינעט־וועגען, דוואָסעניו, אין פייער, אין וואַסער!

דוואָסיע. אַ ברודער מיינער איז געקומען צופאָהרען, איך בעדאַרף היינט ביי דער נאַכט צו איהם געהן. פאַרשטעהסט דו? און אפשר אויף לאַנג. בעט איך דיך, מענדעלי, צובלייבען אין שטוב און אָבטאָן פאַר מיר אַלע מלאכות.

מענדיל. (טהוט זיך אַ האַפּ און קראַצט דעם קאָפּ) אַי־אַי־אַי! אַט האָסט דו דיר שענס, גראָד איז מיינע אַ שוועסטער אויך געקומען. דו היינט ביי דער נאַכט צום ברודער און איך צו דער שוועסטער, פאַרשטעהסט דו?

דוואָסיע. דיין שוועסטער וועט דער גוטער יאָהר נישט צונעהמען מאָרגען אויך. אַ ברודער איז עפּיס אַנדערש. אַט איז ער דאָ, אַ מאַנספּאַרשוין, און מאָרגען... ווייס איך?

מענדיל. קלוג ווי דער טאָג!... אַזוי, דוואָסעניו, בעט מיך, בעט.

דוואָסיע. מענדעלי, סערדצע, ליובעניו, טאַטעניו, נשמה'ניו!

מענדיל. ליובע, ליובע מיך, דוואָסעניו. אַט אַזוי פון היינט

בײַ דער נאַכט ביז הונדערט און צוואַנציג יאָהר! נעה, דוואָסיעניו, צום ברודער. זײַ רוהיג, איך וועל שוין טאָן, פון מיר וועט קיין מניעה נישט זײַן.

דוואָסיע. עס וועט דיר, מענדעלי, זײַן אָבגעגעבען ברויט... אָט העלף מיר טאַקי גרייטען צום טיש. לאָמיר זײַ שוין פערשטאָפּען די מײַלער און וויסען דערנאָך פון אַלעבען צוזאָגען. (זי זינגט אונטער „אבינו מלך" און געהט טאַנצענדיג אַרוים פון דער שטוב)

מענדיל. חאַ חאַ חאַ. „און וויסען דערנאָך, מאַכט זי, פון אַלעבען צוזאָגען". אָמן, דוואָסיעניו, אָמן! היינט בײַ דער נאַכט, מיר בײדע דאָרט בײַ עלקען...

# צווייטער אקט.

א גאַס. רעכטס די וואָאינסקע פּריסוטסטוואָ, רעדליך מענשען. ווייבער חליפּען, וויינען, מאַנסבּילען שמועסען צווישען זיך, אַ טייל פּערדרייסען די קעפּ אַרויף, שטעהען און קוקען. כמעט אַלע מיט שטעקליך און איטליכער האַלט דאָס שטעקיל אויף איין אַנדער מאַניר: בּיי איינעם הייגגט עס אויפ׳ן אָרם, בּיי׳ם אַנדערען אויפ׳ן אַקסעל; דער דרעהט עס פון פאָרענט אין דער לופט, יענער האַלט עס מיט בּיידע הענד פון הינטען און שפּאַרט זיך דערויף אָן. לינקס שטעהט אַ קלייטעל מיט אַ איבּערגע־צויגען דעכיל איבּער דעם גאַניקעל. נישט ווייט דערבּיי זיצט אַ חלפן נעבען אַ טישעל

---

## ערשטע סצענע.

**א יודענע** (אויף א וויינענדיג קול ווי בּיי תחינות־לייענען): אוי, א לאָך אין האַרצען!... מיין בּערעלע, אוי!... מיין בּערעלע אוי־אוי־אוי!

**שמואליק** (א אַלטער אויסגעדיגטער ניקאָלאַיעווסקער סאָלדאַט, נאָר הויט און ביין. א בּיסעל פּערכּוס׳עט, קריכט זיך דער יודענע נאָך מיט א לעכעלע פון א שכּור): מיין בּערעלע, בּערעלע!... טפו, וויסינטרע, וויסנאָפּרע לחיי עולמים! אויך מיר א פּריאָם, א הייגטיגסמאָדישער פּריאָם! בּערילע, שמערילע שפּאַצירען זיך אַהינצו מיט די פּיסעלעך אַליין... אוי וואָלט

10 באַנד — 3 בויגן

איהר געוואוסט אין יענע יאָהרען „אַליין!" רוקען זיך מיט די רגלים אַליין... מיר, וויסניטרע, וויסנאפרע, זענען געגאַנגען, הע=הע! מיט אַ גאַנצער האָפּטע אונטערפיהרער, געפּענטעט מיט בּראסליעטען. אַ קאַפּעליע פון קייטען האָט צוגעצימבּעלט. זום=זום=זום, עס האָט געקלונגען די וועלט, געהאַט אַ פּנים מראה=כהן. און פאַר דער חתונה איז געווען אַ לאַנגער, אַ בּרייטער פאָרשפּיל מיט כּבוד. חדשים לאַנג איז מען אַוועקגעזעסען ווי די גענז אין שטײַג פערשפּאַרט. אָט וואָס האָט געהייסען אַ פּריאָם בּגעלע=בּגרינע בּשמחה רבּה ואמרו כּלם!

חינקע. (וויינענדיג אויף א קוויטשיג קולכען מיט א ניגון) וועה איז מיר, וויינד איז מיר, חאַסקיל מיינער, אַ טאַטע, נעבּעך, פון קליינע קינדער!

שמואליק (קוקט זי שארף אן שאַקלענדיג מיט דעם קאָפּ) פּיששש, האָט זיך צו=יז מ רט: אַ טאַטע, נעבּעך, פון קליינע קינדער!... און קליינע קינדער, נעבּעך, פון אַ טאַטען, וויסניטרע, וויסנאָפרע, אָט וואָס אין מיינע צייטען! בּעהעלפערם אַזוינע מיט מעשענע קנעפּלעך האָבען זיי אויף די פּלייצעס געטראָגען. עוזר דלים הושיעה נאָ! מאַרש צאַן קדשים, מאַרש אַהין, אַזש וואו דער שוואַרצער פעפער וואַקסט דאָרט ערגיץ און געפּאַסעט חזירים, געשוואָלען פאַר הונגער, געחאַפּט אַ שמיצעל. קליינינטשקע, גרעסערע אַבּיסעל—יעמוד עם כּל הנערים!

הערשעלע (אַ יונגער סאָלדאַטיל. מיט נוטען צו שמואליקען) אַלטע מעשיות, זיידע! גענוג, מען האָט שוין געהערט, זיידע, אַלטע מעשיות!—

שמואליק (נעהמט זיך אין די זייטען, אויסציהענדיג זיך גלייך ווי אַסטרונקע און טהוט אַ פּייף)

אַלטע מצבות פון פאַרצייטען!

סמירנאָ! ווייסט איהר וואָס זיי בּעטייטען?

זאָגט יזכור און סמירנאָ!.... טפו, אַ סאָלדאַטיקעל, אַ היינטיג=מאָדיש סאָלדאַטיקעל! אַ צוציקעל מיט קליינע ווענצעלעך. נעכטען ערשט אָנגעהויבּען צו דינען און איבּערמאָרגען שוין פאַרטיג, זיך אויס=געדינט. אָב הרחמים! דוואַדצאַט פּיאַט ליעט סלוזשיל בּאָגו אי צאַריו און געגעסען בּערעזעווע קאַשע. פּיט, פּיט, פּיט!.... סמירנאָ, מיינע וואָנצעס זענען גרעסער פון דיר אינגאַנצען. האָסט נישט אַזויפיעל האָר אין קאָפּ וויפיעל עס ליגט אין זיי חלב׳דיגע ליכט מיט סאַזשע. (אָנ=נעהמענדיג זיך מיט בּיידע הענט בּיי די וואָנצעס) אויף אַ סמאָטרע, אוי=אוך! איז געווען אַ מורא אָנקוקען אונזערע וואָנטשועס, אָנגעשמירט און פערדרעהט אָגיל ואָשמח מיט לאַנגע און דינע שפּיצען. — מאָלאָ=

דעץ שמואל! האָט דער קאָמאַנדיר אַ זאָג געטאָן און בשעת מעשה מיר דערלאַנגט, גלאַט אַזוי פון פרעהליכקייט וועגען, טראַך, טראַך אונטער דער מאָרדע. — ראַד סטאַראַטסיאַ, וואַשע בראָדיע! האָב איך געענטפערט און אַראָבגעשלונגען אַ צאָהן בשמחה רבה ואָמרו כלם!

הערשעלע. אַ היים, זיידע, זיך אַביסעל צולעגען! ווען נישט, גיה איך און שיק גיסיען, מיין גיסיען, גיסיע, נעבעך, מוז שוין אוודאי איבערטראַכטען, וואָס דו ביסט אַזוי לאַנג נישטאָ. קום זאָג איך דיר, קום.

שמואליק. זאָגט יזכור, אוב פאַחאָד דעם אַלטען זיידען!... (ער צמאַקעט מיט די ליפען) צוציקעל, ער מוסטירט! — אַ היינטיגער מושטיר, משטיינס־געזאָגט, אַ שפּרינגען, אַ דראַפּען זיך אויף די גלייכע ווענט, האַלטען ביקסלעך און שיסען, שיסען... היי סליש! קענסט דו אין פאַרחתמעטע אַרום און אַרום תחתונים מיט אַ היטעל ווי אַ בלינע אויפ׳ן שפּיץ קאָפּ זיך אויסשטרעקען ווי אַ דרעננגיל אַ לאַנגע צייט אויף איין אָרט? און אויף איין פוס קענסט דו אַוועקשטעהן אַ שעה, אָט אַזוי, אַזוי (ער הויבט אויף אַ פוס און ציהעט זיך אויס גלייך) ראַ־אַ־אַז (גיט זיך אַ פּאַטש הינטען און מאַכט אַראָבלאָזענדיג דעם פוס) פּיט!... (ער פאַלט שיער אַנידער, הערשעלע האַפּט איהם אונטער׳ן אָרם און פיהרט איהם אַוועק)

חינקע (ווייזט זיך אויף דער גאַס שוין אויף איין אַנדער אָרט, חליפעט און ווישט מיט׳ן פאַרטוך די אויגען) וואָס וועל איך, נעבעך, טאָן, אַ לעבעדיגע אַלמנה? רבונו של עולם! ווי קענסט דו עס צו־זעהען אַזאַ וועהטאָג, אַזאַ בושה? האָט מען עס אַ מאָל געהערט, געזעהען, אַז אַזאַ חאַסקעלע פון אַזאַ משפחה זאָל זיך געהן שטעלען פאַר אַ סאָלדאַט!... אַליין איז ער, נעבעך, דאַר ווי אַ חאָרט און זעהט אויס ווי אַ טויטער.

אַ יוד (נעבען אַ רעדיל מענשען) חאַצקעלע האָט אַ קעגען אַ האַלב יאָהר פריהער פאַר׳ן פריזיוו אָנגעהויבען צו פאַסטען הפסקות און איז, נעבעך, אַראָב פונ׳ם לייב... דאָך האָט ער זיינס נישט געשיינקט און חינקע האָט היינטיגס יאָהר, אם ירצה השם, ווייטער אַ קינד.

חינקע. אַזאַ וועהטאָג, אַזאַ בושה.

ר׳ יוחנ״ע (צוקומענדיג צו חינקען) שאַ, טיפּשאָ איינע, שאַ! וואָס זאָל מען טאָן, אַז מען איז בעוונותינו הרבים אין גלות.

חינקע. אָבער גוואַלד, רבונו של עולם, ווי קענסט דו אַזוינס צוזעהן, אַזעלכס צולאָזען? ס׳איז שוין טאַקע גאָר איין עק פון דער וועלט... שווער, וואו זענען די נגידים, אייערע נגידים? עפּיס זייט

איהר דאָך מיט זיי אינאיינעם אַ טהוער, אַ גאַנצער מאַכער אין שטאָדט-זאַכען. זיי זאָלען וועלען, וואָלט גאָר אַנדערש געווען. מיינע צרות אויף זיי!

ר׳ יוחנצע: שאַ, זאָג איך דיר, טיפשא, נישקשה! אַזוי גראָב מיאוס איז נאָך די וועלט נישט פערדאָרבען געוואָרען. ר׳ יוחנצע דעם רב׳ס זוהן וועט מען נאָך אַזוי גיך אין געוואַנד נישט אריינשטעקען. יודען, נישקשה, בלייבען יודען... (אַנבייגענדיג זיך צו חינקען) מיינע נגידים, נישקשה, אַרבייטען אין דעם עסק, גלויב מיר, ס׳איז רעכט נישקשה!.. (ער טהוט זיך פלוצלינג אַ חאַפּ) שאַ, אָט איז, דאַכט זיך, דאָרט חאַסקעלע אַליין!

---

# צווייטע סצענע.

חאַסקעל לויפט פון דער פריסטאווא ארויס מיט איפּעט. חינקע און ר׳ יוחנצע לאָזען זיך צו איהם געשווינד הענדום-פּענדום.

חאַסקעל (סאַפּעט, האַלטענדיג זיך ביים הארצען, און קאָן נישט חאַפּען דעם אָטהעם): הו, אוי, אוי, אוי!..

חינקע (אויף אַ קוויטש): אַ דונער האָט מיך דערשלאָגען!.. דאָס איז דער גוטער אוי, דאָס גוטע אויפעלע!

ר׳ יוחנצע (צמאַקעט מיט די ליפּען און מאַכט מיט די הענט שטאַרק פער-וואונדערט): נו-נו-נו! היתכן הא?

חאַסקעל (בלינצעלט מיט די אייגעלעך, סאַפּעט ווי אַ גאַנז און לאָזט קוים ארויס זיפצען): אוף... אוף... אוף...

חינקע (ברעכט די הענט): אוף, וועה איז מיר! בוף, ווינד איז מיר! דאָס גוטע זיפצעלע... (צו ר׳ יוחנצע) אָט האָט איהר אייך פאַר אייער מיה, אַלץ אין מצוה-זאַכען, אין שטאָדט-זאַכען.

איינער פון עולם (אין דער זייט) מאַלט איך, צו מצוה־זאָכען לעגט ר׳ יוחנצע קיינמאָל נישט צו. הערט בעסער, וואָס איך וועל אייך זאָגען: איז חאַצקעלע צוגענומען געוואָרען, איז איין עק מיט דעם נאַבאָר. (צו איינעם נעבען איהם) מזל טוב, ר׳ זלמן, איהר מעגט זיך שוין פרעהען, אייער בן יחיד איז פריי.

חאַסקעל. טאַ־טאַ־טאַ... טאַטע!

חינקע (אויף אקוויטש צו ר׳ יוחנצען) אוי־טאַטע, פאָטער, פערהאַפט זאָלען זיי אייך ווערען אייערע פיינע לייט, רבונו של עולם, אין דער ערד מיט׳ן קאָפּ אַלע אייערע נגידים׳לעך, גלויבט זיי פון היינט אָן ווי דעם הונט.

ר׳ יוחנצע. שאַ טיפּשאָ; לאָז מען הערען אַ וואָרט. חאַסקעלע וויל עפּיס זאָגען.

חאַצקעל. טאַטע... אָבגעלאָזט!

ר׳ יוחנצע (פערגלאָצט די אויגען) געלויבט השם יתברך! — נו, חינקע, וואָס האָב איך געזאָגט? דו מיינסט, טיפּשא, ס׳איז הפקר אַ וועלט? גלאַט מען נעמט און גיט אָב!...

חינקע (פרעהליך) דאָ האָבען זיך טאַקי נאָר געמיהט זכות אָבות, זכות אָבות.

חאַסקיל (אַ מאַך מיט׳ן גראָבען פינגער) דו מיינסט, טאַטע, מען האָט מיך פשוטו־כמשמעו אָבגעלאָזט? גלאַט אַזוי זיך גענומען און מיך אָבגעלאָזט! ניין...

חינקע (פערוואָרפט מיט׳ן קאָפּ און ברעכט מיט די הענט) איך חלש, איך בין פאַרביי!

ר׳ יוחנצע. אַ פירוש, חאַסקעלע, אַ פירוש!

חאַסקיל (מיט אַ גמרא־ניגון) ניין!... דו מיינסט, מען האָט געזאָגט גלאַט: געה דיר, מיינסט דו? ניין, דאָס איז דאָך נישט קיין רבותא. וואָס־זשע וואָלט מען מיך דאָ געלאָזט הערען? אַ פּאָר דאָר־טען האָט מען טאַקי געזאָגט: געהט אייך דאָס איז אָבער געוועזען על מנת להחזיר טאַקי תוך־כדי דבור האָט מען זיי צוריק גערופען. איינעם האָט מען אָהן שיהות טאַקי אָבגעגעבען. און דעם אַנדערען געהייסען געהן, מחילה, אין ספּיטאָל, ווי הייסט עס ביי זיי דאָרט אויף זייער שענעם לשון, עפּיס אויף ספּיטאַניע. מילא איז דאָך „געה דיר״ דאָרט עפּיס נישט אַזאַ חשיבות, אַז דערנאָך זאָל נישט זיין דערצו קיין פּתח־חרטה. אלא וואָס דען־זשע? ניין, מען בעדאַרף הערען דעם שפּיץ.

ר׳ יוחנצע (מיט חינקען אין איין קול) גיכער, גיכער, חאַסקעלע, ציה נישט ביי דער נשמה:

חאַסקיל. די גאַנצע רבותא ליגט אין דעם שפיץ. ער האָט געזאָגט, יענער אָדון, מיט די עפּאָלעטען דאָרט, האָט געזאָגט... לאָמיך נישט זאָגען קיין ליגען, ניין, נישט געזאָגט, נישט געזאָגט... אַ געשריי האָט ער געטאָן, האַ?! נוי! [illegible]...... אַשפּיי געטאָן, ער האָט פריהער אַ שפּיי געטאָן.

ר׳ יוחנצע. למאי נפקי [illegible]ה אַזוי צו אַזוי? עפּיס אַ גבוית עדות! דאָ געהט דאָך נישט אי׳ דעם געשריי. אין דעם שפּיי.— אין תוך אַריין, חאַסקיל, אין תוך אַר[illegible].

חאַסקיל. ניין, לאָז זיך ד[illegible]נען, ס׳איז אַ גרויסע נפקא מיניה, מען בעדאַרף עס האָבען צום פּשטיל. דרינען ליגט דער גאַנצער קוועטש, דאָס גאַנצע בעוואָהרעניש. יאָ, טאַקי אַזוי, פריהער אַ שפּיי און דערנאָך אַ געשריי. ער האָט אויף יונית אַ היק געטאָן: פּאַשאַל וואָן, זשיד פּאַרחאַטי! דער פּשט דערפון איז נישט גלאַט, גיה דיר! עס זאָל נאָך אַ סברא זיין דיך ווידער צו רופען, אלא ווי דען זשע, פּאַשאַל וואָן אויף לעולם ועד, גיה אויף דער דעה, אַז אייביג זאָל מען דיין פּרצוף פּנים מעהר נישט אָנקוקען!.... „זשיד פּאַרחאַטי!“ הייסט אַזוי פיעל, אַז אַלע דאָרט זענען מודה, איך טויג לחלוטין נישט, און האַלטען נאָך פאַר אַ טרפה׳ן גליק, וואָס זיי זענען מיינער פּטור געוואָרען. וואָס הייסט אָבלאָזען, מיט אַ קוועטש, מחיה נפשות! ביי זיי, להבדיל, מעגען אפשר אַזעלכע דבורים גאָר זיין עפּיס נישט אַזעלכע שענע, נאָר פון וועמען, משטיינס־געזאָגט, מען האָט זיך דאָ צובעליידיגען?... אַדרבה, גאַנץ גוט, מחיה, ס׳איז דאָך אויסגעקומען מיט׳ן קנאַק.

ר׳ יוחנצע. אַבי חאַסקעלע דו בינסט אויף דעם עולם, אין אַ גוטער מזלדיגער שעה! אַ פּנים, עס האָט גאָר געקענט זיין, חלילה, אַנדערש?! עפּיס שפּילט מען זיך מיט צדדים, מיט מיינע זכות אָבות!... און די טיפּשא דיינע האָט שוין פערלוירען דעם בטחון, געמיינט: עט־שמעט, הפקר אַ וועלט...

חינקע (אויפהייבענדיג ביידע הענט אין דער הויך) אַ שבח צו דעם, וואָס איך האָב די הענט ניט געוואַשען! אַ געפונענער חאַסקעלע, אַ געפונענער! גומל בעדאַרפסט דו, חאַסקעלע, בענשען, וואָס דו ביסט אויסגעד[illegible] אַרויס פון זייערע הענט...

חאסקיל. חינקע, דו האָסט געמוזט שלוקערצען, מען האָט דיך דאָרט דערמאָנט. ביים באַדקעווען מיך און בעקוקען פון אויבען ביז אַראָב האָט איינער מיט אַשמייכעלע מיך אַפרעג געטאָן, אויב איך האָב אַ ווייב? — פע, עפּיס אַזעלכע נאַרישקייטען! נאָר מילא, גו—איך האָב, זאָג איך, אַ ווייב, ווי דער אמת איז, און קינדערלעך. די זאַך, אַפנים, איז איטליכען דאָרט געפעלען, וואָרום אַלע האָבען קוקענדיג אויף מיך עפּיס געלאַכט און אויסגעלאָזט צום סוף כּהאַי לישנא: האָ־אָ, מאַלאָדעץ! געה צום ווייב און גלייך דיר אַביסעל אויס די ביינער,—פע, עפּיס אַזוי משונה גראָב.... זייער באָבעס עסק!—עס חלשט מיר בעסער דאָס האַרץ. קום אַהיים. עסען! אויף וואָס די וועלט שטעהט עסען. שוין צייט, דאַכט זיך, מיר צו עסען... אַי, וויל איך עסען! (ער וויל געהן און קען נישט פּלאָנטען מיט די פיס)

חינקע (מיט אַזיפץ) אַריהרען זיך אַביסעל! אַ קאַטאָוועס אַזאַ צייט זיך פייניגען... בלייב, חאַסקיל, דאָ מיט דעם טאַטען און איך וועל אַ שפּרינג מאָן ברענגען אַ וועגעלע. (זי פערשווינט גיך).

---

# דריטע סצענע.

ר׳ יוחנצע און חאסקיל שטעהען נעבען עולם אין דער זייט, אלכסנדר געהט פון דער פּריסוטסטוואָ אַרויס פערטראַכט. זלמן און זעלדע לויפען איהם אַקעגען. שמואליק.

זעלדע (אין איין אָטהעם) אַבּי דו ביסט שוין דאָ, אלכּסנדר, אין אַ גוטער מזלדיגער שעה. איך זאָל דיך שוין זוכה זיין פיהרען אונטער דער חופּה׳ האַ? דו שווייגסט.... וואָס שווייגסט דו, אלכּסנדר? דאָס בעטייט עפּיס נישט קיין גוטס, בעטייט עס. וועה איז מיר, זאָג גיכער, זאָג וואָרום....

זלמן, וואָס איז אַלץ אין איין אָטהעם? האָב אַביסעל צייט, זעלדע,

זעלדע. ניין, ער שווייגט, דאָס איז נישט קיין גוטער סימן, אלכסנדר, סערדצע, דו ביסט בלייך.

אלכסנדר. מאַמע, איך בעט דיך....

זעלדע. איך זעה שוין, זעה, פינכטער איז מיר!.... זלמן, מיר האָבען געפיהרט אונזער איינציגען זוהן צו דער עקדה! (זי לאָזט ארויס אַ קלאָג)

זלמן. איהם מקריב צו זיין אָנשטאָט אַ באַראַן (ער טייט אַקעגען מיט אַ פינגער) אָנשטאָט אַ חאַסקעלען! אי אָ, מיין זוהן, דו ביסט אַ קרבן?!

אלכסנדר. צו וואָס, טאַטע, אַזעלכע שרעקליכע ווערטער? שאַ, אַ רחמנות, נעבעך, אויף דער מאַמען!

זעלדע (ברעכט די הענט) אַ וועהטיג איז דער מאַמען.... פינסטער איז דער כלה.... זי וועט עס הייגט בעקומען די וויסטע, פינסטערע בשורה.

אלכסנדר. (האַפּענדיג זיך ביי'ם האַרצען פּערציטערט) אך, בערוהיג דיך אַביסעל, מאַמע, שפּאַר זיך אויף מיר אָן און שטעה אַ ווילע ביז דו וועסט צו זיך קומען. (ער נעהמט זי אונטער אָרם. צווישען דעם עולם הערט זיך אַ גערויש. שמואליק ווייזט זיך ווידער, שטאַרק פערבוסעט, דאָס היטעל אויף דער זייט)

שמואליק. סמירנאָ, וויסניטרע, וויסנאָפּרע לחי עולמים, נאָך שחרית געהט מוסף און צווישען אַ כוס, אַ קידוש מיט טרעהרען לכבוד דעם הייגטיגען יום הדין.

זעלדע (מיט אַ געוויין אָנשפּאַרענדיג זיך אויף אלכסנדר'ן) אָך, ווי גליקליך מיר זענען ערשט נישט לאַנג אַלע געווען....

שמואליק (פּייפט און זינגט מיט א אומעטיג ניגונדיל)

אויף אַ ביימעל, אין אַ נעסט,
זיצען טויבען צופרידען,
זיצען, פּיקען, עסען קעסט,
פיהרען דאָרטען אויס פלידען,
טראַלאַלאַ, טרילילי,
ראַז, דוואַ, טרי!

זלמן (אָנווייזענדיג דעם עולם אויף ר' יוחנצען און חאַסקילען) אָט זענען די זיילען פון דעם יודישען גלות!.... אָט פון וואַנען עס נעהמען זיך

אונזערע אַלע צרות, מכּות, לייד און פּורעניות! איין עולם! יודען האָרע־וועט, דאַרבט, ווערט פּערשוואַרצט און בעדאַרף אויסהאַלטען פּוילע מיוחסים בּטלנים, צבועאַקעס, וואַנצען, כּנים, וואָס קריכען, בּייסען, שטינקען און פרעסען. קאַרג וואָס אַזעלבע גיט מען אַוועק דעם לעצטען בּיסען, בּרענגט מען נאָך זיי קרבּנות — קינדער, בּני יחידים!

שמאליק. פּיטום הקטורת, שטאָפּט קעלבער יודישע קינדער! פּיטום הקטורת נפשות צו דער עבודה זרה, נפשות צו די ר׳ געצעלעך! בּיי איטליכען געצעלע איז בּנים אַ זעצעלע און איטליכער שמייליגער ר׳ געץ האָט געשלאָגען כּפּרות מיט אַ קליין יתומ׳ל, מיט איין אָרם, בּידנע קינד. ונסכּיהם כּמדבּר, דריי איימער טרעהרען פון איין אָרמער מאַמע, אַ וויסטער אַלמנה!....

זלמן (אַלץ אַנוויזענדיג אויף די פריהערדיגע) קען מיט סאַמעטענע לאַפּקעלעך און שאַרפע שפּיצעכדיגע נעגעל! און אַזעלבע רעדען פון גאָט, פון יודישקייט, פון פרומקייט, עהרליכקייט און רחמנות...

איינער פון׳ם עולם! מען וויל רחמנות פון אַנדערע, אַז בּיי אונז אַליין איז איינער אויפ׳ן אַנדערען נישטאָ קיין רחמנות. מטופּל׳ס מיט קינדער טהוען אַלע מיטעל זיך אויסצודרעהען, ניט קוקענדיג דערויף אַז דערמיט קיילען זיי אַנדערע.

אַ יודענע. געקיילעט זאָלען זיי ווערען אָהן אַ מעסער, ווי זיי האָבען מיך פאַר אַ יאָהרען געקיילעט! מיט פיל מיה און גרויסע צרות האָב איך אויסגעהאָדעוועט מיין קינד, מיין איין איינציג קינד, מיין טרייסט און מיין לעבען. פלוצלים גיט מען איהם אַ ריס מיר אויס דעם האַרצען... איך יאָמער און קלאָג בּיז אַ ציינד. אוי, יודישע קינדער! אַזאַ וועהטיג, וואָס אַ בּהמה אַפילו קען עס נישט אויסהאַלטען, רעוועט, שרייעט נאָך איהר קינד, אַז אַ שטיין קאָן צוגאָסען ווערען.

זעלדע (אויף אַ בּיטער קול) איין אויג אין קאָפּ, און דאָס איינציגע האָט מען צוגענומען!

שמואליק (קרימט זיך נאָך) פלאַנכעט!... אַ קאַטאָוועס איין אויג אין קאָפּ! מיר האָבען שוין געזעהען אי בּיידע אויגען—זיבען קינדער בּיי אַ מאַמע צוגעהמען. שבעה אני יודע, שבעה כּוסות כּבמחזה! (ער פּיפּס צו און זינגט)

דראַפּעט צווישען טאָג און נאַכט
שטיל אַ קעציל זיך אַרויף

צו די טייבלעך מיאוי געמאכט.
טשיק-טשיק, האפ-לאפ, פרעסט זיי אויף.
טראלאלא, טרילילי,
ראז, דווא, טרי!

זלמן שענע נפשות, וואס ציטערן נאר פאר זייער הייטיל! אבי זייער נפשיל — מעג פון זייערט וועגן כל ישראל אפילו די כפרה ווערען. און אזעלכע הייסען נאך רחמנים בני רחמנים, אוהבי ישראל! און אויף אזעלכע עפענט זיך נאך שונאים אמויל צוזאגען, אז אלע זענען מיר איין קהל, יד אחת... אוי, אונזערע ר׳ יוחנצעס, אונזערע פיהרער, אונזערע תכלית-פערזארגער און דאס גאנצע יודישע רחמנות!

חאסקיל (טארעט ר׳ יוחנצעין) קום, טאטע! חינקע האט שוין געבראכט א וועגעלע. דו הערסט וואס ער רעדט?

ר׳ יוחנצע (מאכט מיט א פינגער און רעדט צוצויגען) ווער הארכט אזא מענשיל אזא אפיקורוס! יודען האבען שוין גענוג אזעלכע איבערגעהאט און זיי אלע געהערט ווי גארנישט (ביים אוועקגעהן מיט האסקילען צום עולם) פאלט פונדעסטוועגען ביי איך נישט אראב. יודען, נישקשה, בלייבען יודען...

שמואליק. חי וקים, שרייט חי וקים, יודישע קינדער!

זלמן (מיט א זיפץ) יא, יודען בלייבען טאקי יודען... ביי אזעלכע אין גלות. — (צו אלכסנדרען און זעלדען) קומט! די זאך איז נאך נישט פערלוירען, נישקשה. אלסדינג וועל איך דערוויזען און חאסקילע וועט געהן א גאנג און שמעקען פולווער... שא, זעלדע, נישקשה, כ׳לעבען! גלויב מיר, וועסט עס אין פריידען דערצעהלען גיך און באלד ביי דיין זוהן צו דער חופה. קומט א היים!

זעלדע (אוועקגעהענדיג מיט אלעקסאנדרין) אוי, חרב-וויסט איז מיין דאס.

שמואליק (שאקעלט מיטן קאפ, טהוט א פייף און זינגט טרויעריג)

נישטא אין נעסט קיין טייבלעך מעהר.
נישטא מעהר דארט קיין פרידען.
צולעבען איז די אלטע שווער
אליין אהן זיי׳רע פלידען.

טראַלאַלאַ, טרילילי
ראַז, דוואַ, טרי!

שרייסט חיי וקים. געשמאַיע אייך פאַר=פול, יודישע קינדער!.....
(דרעהט זיך איבער אויף אַ פוס און געהט, מאַכענדיג דערביי ראַז דוואַ, טרי. דער עולם צוגעהט זיך אין פערשיעדענע זייטען)

---

# פערטע סצענע.

איציק דער קרעמער שטעהט ביי דער טיר פונ'ם קלייטעל. ר' אליה זיצט אויפ'ן גאַניקעל, אויף אַ ביינקעל מיט'ן פנים צו דער גאַס. ליפע דער חלפן זיצט נעבען טישיל.

איציק (שאַקעלט מיט'ן קאָפּ, שאַרף אָנקוקענדיג ר' אליה'ן, און ניט אַ מאַך מיט דער האַנד) ער רעדט עפּיס אַזוינס, אַז מען קען אויסגעהן הערענדיג! גלאַט מען נעהמט דעם תוגר און וואַרפט איהם אַרוים אויף אַשפּענדיל; און ענגלאַנד, וואו איז ענגלאַנד? איהר שפּילט זיך עפּים מיט ענגלאַנד!

ר' אליה. און וואו איז קירה? דו שפּילסט זיך, איציק, עפּים מ'ט קירה!

איציק (טהוט בייז אַ שמייכעל) קירה מאַך!

ר' אליה (ווערט אונטערגעטראָגען) הרעסט דו, איציק, דיין וויקטאָריע איז אַ יודענע מיט אַ יאַמפּערקע!

איציק (הויבט אויף דעם פוס און קלאַפּט מיט א פינגער אויפ'ן קנאַפּעל) וואָס ביי דער יודענע מיט דער יאַמפּערקע ליגט אין קנאַפּעל, האָט עם אייער קירה נישט אין קאָפּ. קירה מאַכט געוועהנטליך נאָר פוילע תנועות, דרעהט זיך, דרעהט זיך אין ראָסעל.... און שטעהט תמיד אויף איין אָרט.

ר' אליה. תרבות! איך קען בעסער קירה ווי דו (נעהמענדיג זיך ביים בערדיל) איך בין, ברוך=השם, אין מיין לעבען, ווי דו קוקסט מיך אָן, שוין צוויי מאָל געוועזן אין בראָד און איינמאָל אַזש אין לעמבערג.

פארשטעהסט דו מיך? אין לעמבערג!... מען בעדארפט קענען יענס לעבען. טע-טע-טעט! ס׳איז גאר עפּיס אנדערש. וואס בעדארף מען מעהר, למשל, אביסעל בראנפּען, ס׳איז גאר א אנדער ביסעל בראנפּען. ביי אונז איז בראנפּען—בראנפּען. קירה׳ס אביסעל בראנפּען איז אביסעל בראנפּען, טאקי וואס אביסעל בראנפּען הייסט, מען פּיהלט, אז מען נעהמט אביסעל בראנפּען, עד היום ליגט מיר אין טעם קירה׳ס אביסעל בראנפּען.

איציק (פערקרימט זיך) פּיששש! און פּאנש איז, כ׳לעבען, גאר שלעכט, פּאנש מיט ענגלאנדם אביסעל ראם. קירה, זאג איך אייך בפירוש נאך א מאל, דרעהט זיך און שטעהט אלץ טאקי אויף איין ארט ער האפּט נאר ביי די מלכיות שיריים ווי א מקבל.

ר׳ אליה. (שטארק אויפגעבראכט) דער תוגר איז א קבצן!

ליפּע (דרעהט אוים דעם קאפּ צום גאניקעל) וואו איז, ר׳ אליה, די פּערציג קאפּיקעס, וואס איהר האט ביי מיר גענומען א גמילות חסד אויף שבת?

ר׳ אליה. הרגעט מיך פאר א גראשען. נישטא אצינד, נישט פאר אייך געדאכט, ביי מיר קיין פּרוטה. אח-חא-חא! שלעכטע צייטען.—(צו איציקען) יא, איציק, זאלסט דו טאקי וויסען, דער תוגר איז א קבצן.

ליפּע. נעהמט נישט פאר אומגוט, ר׳ אליה, מילא דער תוגר איז א קבצן. גאנץ רעכט, איז ער זיך א קבצן, לאז ער זיך זארגען אליין פאר זיך. אבער איהר, ר׳ אליה, פאר וואס זאלט איהר ארום אייך עפּיס נישט טראכטען? איהר זיצט דאך, נעבעך, אהן פּרנסה און האט נישט א טאג מיט וואס איבערצוקומען. איך בעט אייך, פאר וואס זאל אייער שמחה מאריאשעס, א שטייגער, נישט לאזען אזא יודען ווי איהר, דרעהען זיך ארום איהם אין דער טאקסע? למאי פּופּציג אנדערע, וואס דרעהען זיך דארט ארום. ווייס איך וואס זיי טהוען? זיי קוקען, דרעהען זיך, מאכען באם, לאז אזא ר׳ אליה זיך אויך דרעהען, קוקען, האַ!

ר׳ אליה (גיט א מאך מיט דער האנד) עט.... דברים בטלים. לאז נאר זיין מלחמה, וועל איך מיט גאטס כח מיך אוועקלאזען אויף דער מלחמה! נישקשה.... (צו איציקען) דער שפּיץ איז, איך וועט מיך אין וויפיעל מען וויל קווארט משקה, אז עס וועט זיין ווי איך זאָ

א י צ י ק. במזומנים, ר׳ אליה! איך לעג אויף איין אקעגען, אז זיין וועט ווי איך זאג.

(פייבוש קומט צו צום קלייטעל, דאס היטעל און אידם פעררוקען אויפ׳ן שפיץ קאפ און דאס שטעקיל העננט אידם אויפ׳ן ארם).

# פינפטע סצענע

### די פריהערדיגע און פייבוש נאכהאנדער.

פ י י ב ו ש. א גאט העלף, יודען! פון וואס שמועסען עס יודען?

ל י פ ע. גוט, כ׳לעבען, וואס איהר האט זיך אונטערגעחאפט, ר׳ פייבוש, זיי האמפערען זיך דא שוין אוודאי א קעגען א שעה, אלץ וועגען דער מלחמה מיט דעם טערק, אויך וועגען די קאמפאניעס פון די קיסריות, און קענען זיך בשום אופן נישט אויסגלייכען.

פ י י ב ו ש, למאי נפקא מיניה? מסתמא וועלען דאך יודען נישט משוגע זיין, רעדען איבער איין ענין, און וועלכען עס זאל נישט ליגען עפים א שטיקעל כונה.

ל י פ ע. א, קרעפלעך זאלט איהר, ר׳ פייבוש, עסען, איהר גוהם מאקי אויף א דרך. אנגעהויבען האט זיך עס פון שמחה מאריאשעס חתן, וואס איז היינט צוגענומען געווארען אין דער דינסט. ר׳ אליה זאגט, אז ס׳מוז ווערען אוים שידוך. ער זאגט עס נאך מיט א קוועטש פון דער פאליטיקע, מיט זיין קיימא לן, אז מלחמה מיט דעם טערק מוז זיין און מאקי בקרוב, און א גיכער צייט זיין. (צו ר׳ אליהן) פיהרט, זייט מוחל, אליין אוים אייער גערדאנג, ביי איך וועט עס אויסקומען שפיצעבדיגער. זאגט, ר׳ אליה, זאגט!

ר׳ א ל י ה. ממילא וועט דאך שמחה׳ס חתן אין דער מלחמה אריין מחויב זיין צו געהן. ווארום, אויך די אייגענע מעשה, ביסט דו א זעלנער, שמעק זשע פולווער, און ווי באלד פולווער! איז שוין גאר אנדערע דינים... נמצע וועט שמחה לכל הדעות האבען א מגו אויפ׳ן

שידוך חרטה צו האָבען. אָט וואָס איך זאָג. אַ, איציק זאָגט גאָר קאַפּויער? נו, בע... איציק ווייסט נישט, מאי דקאמרי רביצין!

איציק: און אליה אינאיינעם מיט קירה ווייסט נישט מאי דקאמרי אַחשתּרנים! (ער געהט אַריין אין קלייטעל).

ליפּע: היינט פאַרשטעהט איהר שוין, ר׳ פייבוש? און פון דער מחלוקת איבער דער מלחמה איז נולד געוואָרען דער סיכסוך וועגען די צדדים פון די קסריות, ווער מיט וועמען וועט האַלטען. היינט ילמדנו ר׳ פייבוש אייער הסברא. עפּיס זייט איהר דאָך אַ לאַנד-שדכן.

פייבוש (רייבענדיג דאָס בערדיל מיט אַ קנייטשיל): על פּי סברא איז טאַקי אַזוי... אַדרבה, האַ? (ער טייט מיט אַ פינגער אויפ׳ן שטערען) איז דאָך טאַקי עפּיס אַ פּלאַן. יאַ, אי וואָס?..

ליפּע: איך וויים פין אַ זיכער אָרט, אַז מלחמה וועט געוויס זיין אין פריקאַז האָב איך אַ בעקאַנט שרייבעריל, האָט ער אַליין מיר עס געזאָגט, אַזוי ווי אַ יודישע צייטונג—טפו! ווי הייסט זי דאָרט?— שרייבט אויך אַזוי פון אַ זיכער אָרט... הערשעלע דער סאָלדאַט האָט מיר עס אויך געזאָגט. ניסיע, זיין ווייב, האָט צובייטענדיג היינט ביי מיר אַ קערביל עפּיס שטאַרק געזיפצט, מיין איך, ס׳איז, אַפנים, נישט גלאַט.

פייבוש (שטאַרק פערטראַכט): מילא איז שוין איין צד דאַ... און דער צווייטער? דער צווייטער?... (ער רוקט אַרויף שטאַרק דאָס היטעל, שטעקט אַריין טיעף הינטער דעם קאָלנער און טהוט זיך אַ געשמאַקען קראַץ) אַז מען זוכט, געפינט מען!... ס׳איז רעכט! מען בעדאַרף אַרום דעם טאָן און זיי צונויפפיהרען?

ליפּע (אָנקוקענדיג פייבוש׳ן פערוואונדערט): וואָס?! וועמען, ר׳ פייבוש, צונויפפיהרען?

פייבוש: עט... מיר איז אַגב אַרויף אויף דעם מוח מיינס עפּיס אַ עסק׳ל... נישטאָ קיין צייט. אַ גוטען! (ער פליהט געשווינד אוועק).

ליפּע: עפּיס איז מיר היינט מיין פייבוש שטאַרק צוטראָגען! איהר האָט בעמערקט?

איציק (שטעהענדיג אין דער טיר פונ׳ם קלייטעל און אויסשטרעקענדיג דעם קאָפּ צו דער גאַס): אוי-אוי האָב איך בעמערקט, ווי ער האָט פון ר׳ אליה׳ס געדראַנג ויך פאַרקנייטשט, גלייך ווי ער וואָלט איינגענומען ריצענאייל. אַ גוט עבפיהרונגס-מיטעל, כ׳לעבען! ער איז טאַקי באַלד אַנטלאָפען.

ר׳ אליה (א צמאק-געבענדיג מיט די ליפען): א חכם פון דער מה-נשתנה ארויס, בע!... פרעגט איהם בחרם, וואס ער בעבעט, אבי געבעבעט!...

איציק (לויפט ארויס צום עק גאניקעל און רופט אויף א קול האלטענדיג די הענד איבער די אויגען): מענדיל! (צו ליפען) טהוט אים נאר, זייט מוחל, דארט א רוף ר׳ ליפע!

ליפע: מענדיל, מענדיל! — בראש איז ער טויב — א, מענדיל, מענדיל, מענדיל!

# זעקסטע סצענע

די פריהערדיגע און מענדיל.

מענדיל (צוקומענדיג צום קלייטעל): גרויסע נסים, כ׳לעבען, וואס איך בין נישט מעוברת. מען קען מפיל זיין פון אזא געשריי!

איציק (מיט א פינגער אויף דער נאז): צו מיר ווילסט דו שוין נישט שמעקען? אז מען שיקט דיך עפיס קויפען. לויפסט דו ערגיץ אנדערש, א דו כלבוניק! וואהין ביסט דו עס ערשט גאר אהן א נשמה אזוי געלאפען?

מענדיל: טפו, איך האב היינט דאס גוטע לויפעניש! פון פריהמארגען אן טראגט עס מיך ווי א רוח א מלמד. לויף און מוז באלד טאקי ווייטער לויפען.

איציק: ניין, כלבוניק! אבי איך האב דיך שוין דערטאפט, וועסט דו ביי מיר אזוי גיך נישט ארויסדרעהען זיך. זאג, וואס בעטייט אזוינס דאס לויפעניש? זאג, מענדיל, זאג מיט פיסקעס!

ליפע: זאג, מענדיל! איך בין דאך שוין טאקי ציקאווע: זאג זשע, זאג!

ר׳ אליה: אז צוויי יודען זאגען: זאג! איז נישט דער דרך ארץ זיך אבצוזאגען. מילא וואס קען עס דיך ארען צוזאגען? זאג שוין, זאג, אז דו וועסט זאגען.

**מענדיל** (אנחאפּענדיג זיך בּיים קאָפּ מיט אַ העוויה׳לע) אײ—אײ—אײ, האָט רחמנות, יודישע קינדער! פון אַלע זייטען אַ זאָג—זאָג—זאָג! אַז עס רייסט מיר אויף דעם מוח. שאַ! איך וועל מיך אויסקויפען פון יודישע הענט און אַלסדינג, ווי איך בּין אַ יוד! אין איין אָטהעם אָבּזאָגען. —שלום עליכם! —עליכם שלום! — מה שמיכם? — מענדיל, נאָך אַ בּחור. ר׳ שמחה׳ס אַ משרת. — לויף היינט פריה כלחוך השור אין דער בּאָינע. לויף פון דאָרט אַהיים און האָבּ אַ בּאַרג אַרבּייט. — אָמנם חטאתי! פערגלוסט זיך פון אַלע מלאכות מיר אין דער קיך, קוצוניו=מוצוניו מאַכען מיט דוואָסיען. —איך איהר: דוואָסעניו, ליובּעניו, אָן זי מיר: ווער פאַרבּרענט! — גיבּ איך זי אַ קליין ציהעלע און מיינע אין איין כּעס מיט אַ געפילדער... בּלייבּט געבען מיר זיצען אויפ׳ן טאָפּטשאַן. —לויפט פלוצלים אַריין די בּעל=הבּית׳טע. — צולויפען מיר זיך ווי די פערסמטע מייז. — מיינער פוץ אין שטובּ אַריין, — וואַרף אין אײלעניש, לויפעניש עפּיס אַראָבּ, טראַך, טראַך! —געשווינד אַ לויף אין אַנדערען חדר. —לויפט אַריין די בּעל הבּית׳טע, בּטל׳ט חלומות. — חאַפּט זיך אונטער דער שניידער מיט רייזעלעס חתונה=קליידער. — אַ לויפעניש צו רייזעלען אין חדר. — מיינער אַ פליה צוריק אין שטובּ אַריין. —טראָגט דער רוח אָן דאָס גוטע מזהמעניו חאַלצע אין שלייער. — מאַכט אין איין אָטהעם: שפּרינצע... הא, נישטאָ... מענדיל, וואו די בּעל=הבּית׳טע? —לויפט אָן די בּעל הבּית׳טע און רייזעלע אין אַ חתונה=קלייד. נאָר אַ פריצה. — פערניץ געזונט! ווינשעוועט=צו חאַלצע, נאָר מיט מעהר מזל. אָבּגעגעבּען דיין חתן! —רייזעלע פוץ אויף דער קאַנאַפּע, קאַלט ווי אַייז. — אַ געשריי, אַ לויפעניש! — דער בּעל הבּית לויפט, ווערטעלט זיך מיט דער בּעל=הבּית׳טע. — לויפט די בּעל=הבּית׳טע פאַרוויינט אַרוים. — לויפט דער בּעל=הבּית צוקאָכט אַוועק. —אַגעשריי! לויף, מענדיל, אין דער אַפּטייק! — נעהמט מיינער די פיס אויף די פּלייצעס און לויפט. — שרייעט ר׳ איציק: מענדיל! —קוויטשעט ר׳ ליפּע: מענדיל מענדיל! — אַ גערייִדעריי, אַ געזאָגעריי! זאָג=זאָג=זאָג! — חאַפּ איך אָבּ אין איין אָטהעם ווי די עשרת בּני המן בּיז ויזתא. — האָט איהר שוין אָבּגעהערט די מגילה, ווייסט איטליכם פּיצעלע, האָטזשע רחמנות, יודען, אויף אַ יודישער נשמה! לאָזט און לאָמיך לויפּען ווייטער!

**איציק.** אַ, צו אַלדי גוטע יאָהר, ממזר איינער! אַ שענע תּבשיט, נישקשה, אַ פאַרשלעפּטע קרענק פון זיין ליבּען נאָמען!

(ער נעהמט און גיט מענדלען אין דער האַנד) נאַ, משלחת, אַ שטיקעל מאַנ־דעל־זייף פאַר דיין דוואַסיען.

מענדיל. זי זאָל האָבען, מיט וואָס מיך צוזייפען. אוי זייפט זי מיך, יודישע קינדער! (ער געהט אַוועק. צום קלייטעל קומט צו אַ קונה, איציק געהט מיט איהם אַריין).

ר׳ אליה (צו זיך אַליין) טע־טע־טעט... נו, וואָס וועט ווייטער זיין? (גענוצט אויף אַ קול) אַהו־הוך! (נעהמט פונ׳ם בוזעם אַרויס אַ צוקנייטשט פאַפּיריל, טרעסעט אַרויס אַ קאָפּ צוריבענעם טאַבאַק און פריווט מאַכען אַ פּאַ־פּיראָם) אָח־חאָ־חאָ! עס וועט דערפון גאָר נישט ווערען. מען בעדאַרף געהן אַבעט טאָן ביי יענעם אַ ציגאַר טיטון. (ער הייבט זיך אויף פונ׳ם בייַנקעל, גלייַבט זיך אוים די ביינער, און געהט אַריין אין קלייטעל).

---

# זיבעטע סצענע

שמחה מאַריאַשעס און פייבוש וויזען
זיך אויף דער גאַס, האַלטענדיג אין א שמועס.

פייבוש. איך זאָג עס אַקעגען דעם, ר׳ שמחה, נאַט אייך אַ דרייער פאַר מענשענס שכל! אַלץ השם־יתברך... ס׳איז דאָך בע־שיינפערליך אַ חידוש נפלא! אַדרבה טאַקי, לאָמיר זיך נישט נאַרען. האָט מען דען אייך נישט אָנגעשלאָגען לייטישערע, אין אַלע אופנים גלייכערע שידוכים פאַר אייער בתולה? עפּים איז ר׳ שמחה גלאַט אַזוי זיך אַוועקצומאַכען, האַ? — פאַר וואָס זשע, איז דאָך די קשיא פייבושעס שידוך מיט אַ זלמן קריסטאַל אָנגענומען געוואָרען?

שמחה (נישט אנקוקענדיג פייבוש׳ן). ווייל ר׳ פייבוש, זאָל געזונט זיין, איז...

פייבוש. ניין־ניין־ניין, לאָזט זיך דינען, שאַ!... נישטמעהר, דער תירוץ איז גאָרנישט... קשיות איז גאָר נישטאָ. אָט דאָס גופא טאַקי, דאָס גופא האָט איהר דעם בעסטען בעוויז, אַז פיהרען די וועלט

פיהרט דער רבונו של עולם. בעדארף גראד פייבוש, ווי אויף קאטא־
וועס, זיך ארויסחאפען: זלמן קריסטאל. בעדארף גראד אייער בתולה
דאס הערען און בעקומען חשק. בעדארף זי גראד זיין א ציטערדיגס
ביי דער מוטער. בעדארף די מוטער, אייער שפרינצעלע, זאל געזונט
זיין, פאר דער טאכטער זיך ארויסשטעלען און ר׳ שמחה, מאריך ימים
ושנים זאלט איהר מיר זיין, בעדארף אלסדינג, וואס דאס ווייב וויל,
פאלגען... אט אזוי האט זיך עס געדרעהט, געדרעהט, געדרעהט ביז
עס האט זיך אויסגעדרעהט.

שמחה. נו, האט דאך שוין זיך אויסגעדרעהט! וואס זשע...

פייבוש. ניין־ניין־ניין!... און איינגאנצען—לאזט זיך נאר דינען!—
ווער האט אין דער זאך דעם ערשטען דרעה געגעבען? טאקי איהר,
ר׳ שמחה! אז דער מאן לאזט זיך פונ׳ם ווייב פיהרען ביי דער...

שמחה. איך בעט אייך, לאזט מיך צורוה און געהט...

פייבוש. לאזט זיך דינען! מילא זאג איך עס אקעגען דעם,
ווי גאטעניו דרעהט זיין וועלטיל... וואס זשע טהוט גאטעניו, אז זיינע
דריידלעך האבען שוין זיך אויסגעדרעהט? דרעהט גאטעניו ווידער
צוריק, אזוי אז, פארשטעהט איהר מיך?...

שמחה. נו נו! ער פאסט מיר צו מיינע צרות. לאזט מיך
געהן מיין וועג!...

פייבוש. (נעהמט שמחה׳ן ביים ארבעל) נישקשה, ר׳ שמחה! מעהר
קיין צרות זאלט איהר נישט האבען. (ער רוקט אריין די האנד הינטער׳ן קאל־
ער און דערלאנגט זיך א קראץ) אז מען זוכט, געפינט מען. פייבוש געפינט...
ס׳איז דא חתנים......

שמחה. געגוג!.... (ער רייסט זיך אויס פון פייבושעס הענד און ווערט
אנטרונען)

פייבוש (שטארק פערטראכט) שווערליך!.... נאר עט.... נישט
דאס ערשטע מאל. נישקשה, איך וועל שוין געפינען א רעדיל! (ער געהט).

# אכטע סצענע.

עליה זיצט אויפ'ן גאניקעל מיט פערלייגט הענט און גענעצט, ליפע, דערנאך פייבוש.

אליה (קוקענדיג אין דער וועלט אריין) אכט, צוועלף, צוואנציג, פערציג, פופציג, הונדערט!....

ליפע (אויסדרעהענדיג דעם קאפ צו ר' אליה'ן) וואס צעהלט איהר אזוינס, ר' אליה? די קאסע?!

ר' אליה (טהוט א גענייץ) אהו-הוך! א שרעק, וויפיעל סאראקעס האבען אויפ'ן שפיץ דאך דארט זיך אויסגעזעצט! אוודאי אקעגען א ת"ק שטיק, דאס וויזט אויף גוטער פאגאדע.

ר' ליפע. וואס שרייבט, ר' אליה, עפיס דער לוח?

ר' אליה (אונטערהייבענדיג זיך א ביסעל אויפ'ן ביינקעל) א, קונדעס איינער! זעהט נאר דארט, א קונדעס חאפט דארט א ציג פאר די הערנער. זי וועט איהם נאך דורס זיין. (נאכדעם ווי ער שווייגט א רגע שטיל) אט, אזוי, האפ-האפ-האפ! זי האט איהם גוט געטראפען. א מצוה! —

ליפע. מען זאגט, דער לוח טרעפט היינטיגס יאהר זעהר גוט.

ר' אליה (גיט זיך א הייב אונטער, מאכענדיג מיט דער האנד) וואן, וואן, בשאל וואן!

פייבוש (צוקומענדיג צום קלייטעל) וואס איז, ר' אליה? אויף וועמען שרייעט איהר עס אזוי?

ר' אליה. א הונד, ר' פייבוש! א הונד לויפט צו און דרעהט א יודיש קעלביל דארט ביים אויער, דרעהט ער.

פייבוש (פעררוקט דאס היטעל און רייבט דעם שטערען שטארק פערטראכט) יא, אזוי טאקי, אזוי!... דער דרעה געהט דורך איהם...

ליפע. עפיס רעדט איהר, ר' פייבוש, נישט צו דער זאך! איהר זייט מיר היינט עפיס גאר צודרעהט.

פייבוש. אך א שווערע פרנסה דאס שדכנות, מיט הונדערט ספרווזשינקעלעך, שרייפעלעך, קליינע און גרויסע רעדלעך, עפיס א גאנצער „אשר יצר"— דראט-ארבייט, דריידלעך-דריידלעך, פייפעלעך-פייפעלעך.

ליפע. גלויבט מיר, אַלע יודישע פרנסות זענען איין „אשר יצר", לויטער דריידעלעך, פּייפעלעך. ומפליא לעשות איז דער, וואָס קען גוט אָנפּייפען...

פייבוש. דרינען האַלט איך טאַקי מיט אייך, ר' ליפע. לאָז מען פּאַלמעסען אַ יודען, וועט מען בּיי איהם אין אַלע רמ"ח אברים זיינע געפינען רעדעלעך, דריידלעך. אָדער זאָל מעגליך זיין, אַ שטייגער, אַ סוחר, אַ פּאָדראַטשיק וכדומה אין דעם קאָפּ אַריינצוקוקען, וואָלט אַזש אָנגעחאַפּט אַ שווינדעל זעהענדיג, ווי עס דרעהט זיך דאָרט פּאַר דיר עפּיס בּוידעם-פּאָליצע, קאָטשערע-לאָפּעטע, לאָקשענבּרעטיל, אינדיקזוימען, קאַטשקעפּוטער, סכה שער אַלע אינאַיינעם... אַפילו די נעגעל שניידט אַ יוד מיט אַ דריידעל, עפּים לסירוגין, געשפּרונגען און געדרעהט.

ליפע. נישקשה, איהר מעגט אַריינשטעלען אין צעטעל צו די פריהערדיגע אויך למדנים, מחברים, דרשנים און חזנים. די גאַנצע קונץ בּעשטעהט בּיי זיי אין דעם דרעה, אין די [illegible]ת און די תנועות...

פייבוש. אַז ס'איז שוין יאָ אַזוי, שטעלט זשע אַריין אי בּעלי-תפלות אויך. אין חאַנדריקעוו, אַז איך האָבּ דאָס ערשטע מאָל ימים נוראים געדאַווענט מוספים, איז דער עולם פון מיין דאַווענען נישט קאָנטעט געווען, ווייל איך האָבּ אויף אַ קול געזאָגט פשוט עברי. הערסטו, האָט מען געטענה'ט, דאָס איז דאָך קיין שכל נישט! גלאַט גראָבּ זעצען ווערטער—בּעדאַרף מען דערצו גאָר קיין גרויסער בּעל-תפלה נישט זיין. אַ בּעל-תפלה בּעדאַרף מאַכען עפּים מיט אַ צוק, אַ דרעה אויף די געמבּע אַהין און אַהער... נו, האָבּ איך דערפאַר דאָס צווייטע יאהר שוין אַנידערגעלעגט אַ דאַווען מיט הוילע שטייגער, דרעהעלעך און תנועות, אַז מען איז אוים דער הויט געשפּרונגען און געלעקט די פינגער פאַר מתיקות. (צו ר' אליה׳ן) מילא דאָס אַלסדינג איז הבל-הבלים... אַ שטיקעל גמרא איז דאָ, וואָס דרינען וואָלט גוט געווען, דאַכט זיך, אַיערם אַ דרעהעלע. קומט, ר' אליה! וואָס זיצט איהר אַזוי אַלץ אויף דעם איינענעם אָרט און ווילט זיך נישט ריהרען?

ליפע. ר' אליה האָט אויף דעם אָרט שוין אַ חזקה. ער וועט עס נישט אָבּלאָזען, סיידען עס זאָל, בּעהיט גאָט, נישט זיין אַ ערדציטערניש.

ר' אליה. אָה-האָ-האָ! די היינטיגע גילדענע פרנסות! צו וואָס אַרומדרעהען זיך אומזיסט און רייסען שיך? (ער טהוט אַ געניץ) אַהו—

הוך !.. ווייס איך, ר' פייבוש, וואָס איהר ווילט פון מיר האָבען? גלאַט געה און רייס שיך. — נישט מעהר, וואָס זאָל מען טאָן מיט אייך, הא? (ער הייבט פאמעליך זיך אויף פונים ביינקעל, קנאַקט אוים מיט אַ געניץ די ביינער און געהט מיט פייבוש'ן אין דער גאַס).

# ניינטע סצענע.

## פייבוש און ר' אליה.

פייבוש. (נאכדעם ווי ער קוקט אן ר' אליהן א רגע שטיל) אַזוי, ר' אליה, אַזוי..... אַ מלחמה, דרינגט איהר, מוז זיין.

ר' אליה (מאַכט צו איין אויגעל האלטענדיג דאָס קעפּיל אין דער זייט) בכן?

פייבוש. בכן וועט אם־ירצה־השם זיין וואָס צוטאָן.

ר' אליה. דאָס ווייס איך אַליין. אַבי נאָר מלחמה, לאָז איך מיך, מיט גאָטס כח, באַלד אויף דער מלחמה אַוועק, נישקשה, בין אַזא בריה ווי אַנדערע, בין איך...

פייבוש (מיט א שמייכעלע) אויב איהר זייט אַ בריה! דרינען איז, חלילה, קיינער נישט מסופק. — נאָר אַייך ליגט אַלץ אין זינען פּאָלי־טיקע און איך מיין גאָר בפשטות אַ שידוך. איהר קענט מיר אַ ביסעל צואַרבייטען און דערווייל, איידער איהר לאָזט זיך אויף דער מלחמה, דאָ חאַפּען אַ שען פאַרדינסטיל. נישט לאַנג געטענה'ט, אַ שידוך פאַר שמחה'ס בתולה מיין איך.

ר' אליה. וואָס הייסט! דער פריהערדיגער שידוך איז דען שוין טאַקי אָבגעלאָזט געוואָרען?

פייבוש. גלייך ווי אָבגעלאָזט. מען בעדאַרף נאָר אונטערזוקען אַ נייעם, וועט דער אַלטער ממילא אוים ווערען.

ר' אליה. אַ שטיקעל חידוש, כ'לעבען! איהר זייט דאָך געווען דער גאַנצער שדכן!...

פייבוש. נו, דעריבער זאָל איך שמעַ׳ן ווי אַ גולם און וואַרטען ביז אַנדערע וועלען זיך פערחאַפּען און אונטערדרוקען! און וואו שטעהט עס געשריבען, אַז מען שייט זיך בײַ איין בתולה דאָס צווייטע מאָל אַ שדכן זיין? אין צוואת ר׳ יהודה החסיד האָב איך עס נישט בעגעגענט און קיין חרם דרבינו גרשון איז דערויף אויך נישטאָ.

ר׳ אליה. אין קלייטעל דאָרט האָט ערשט איינער געזאָגט: זלמן פילדערט, ער מוז די אַלע פּסלנות דערוויזען. שפּרינגצע איז ארויף אויף שמחה׳ן מיט פייער, אַלע מיטעל זאָל ער איינווענדען און דעם חתן בעפרייען. שמחה יאָגט זיך אַצינד אַרום, ר׳ יוחנצע חאַפּט אַ ציטער און איז שטאַרק אין כעס. שמחה מיט דער טאַקסע ליגט בײַ איהם אין דער האַנד און ער קען איהם דערקוועטשען ווי אַ פליג. ס׳איז אַ רעש, אַ קאָכעניש.

פייבוש. אַזוי? ... אַ קאָכעניש? אָוואַ! נאָר אויך די אייגענע מעשה, אַבהענדיג בעדאַרף מען נישט ווערען. עט... כ׳לעבען! אַהין־אַהער, ווי דער שטייגער איז, און צום שפּיץ מוז אויסקומען, טאַקי פאָרט ר׳ יוחנצע!... מיך קוועטשט נאָר אַביסיל, אָט דאָס, זעהט איהר, וואָס שמחה איז עפּיס אויף מיר אָנגעבלאָזען און בין בײַ איהם, ווי איך פאַרשטעה, אַ שטיקעל פּסול. דעריבער איז מיר איינגעפאַלען אייך, ר׳ אליה, אַריינצודרעהען אין דעם ענין. פאַרשטעהט איהר?

ר׳ אליה. אָט דאָס איז אייער שטיקעל גמרא! (מיט גדלות) איהר מוזט וויסען, אַז בײַ שמחה׳ן בין איך אַ חשוב. ער לאָזט אַמאָל זיך צו מיר קענען. מיין שטאָט איז נעבען איהם אין שוהל. אין די ניין טעג מאַך איך איהם געוועהנטליך אַ סיום. דערצו נאָך איז מיין פּלוניתטע מיט איהם עפּיס אַ קנעפּיל. פאַרשטעהט איהר מיך?

פייבוש. דעריבער טאַקי נעהם איך דאָך אייך פאַר אַ שותּף, איהר זאָלט זיין כלה צד און איך חתנ׳ס צד.

ר׳ אליה קיין בלינדען אתרוג קויף איך נישט. צו בעטראַכטען האָב איך ליב דעם פּטום. ווער איז דער מחותּן?

פייבוש: אָבער ר׳ אליה, ווי מיר שטעהען דאָ תחת כפּת השמים, עס זאָל בלייבען בסוד. איך בעשווער אייך בײַ אייער חלק לעולם הבא: אַנדערע קענען עס נאָך אויסחאַפּען. — ר׳ יאָסיל אינטשעווער, הא, קענט איהר?

— ר׳ אליה. (מאַכט פערקרימענדיג זיך מיט דעם מחה מאַריאַשעם!!

פייבוש. אָבער דער קרן, זיין בחור׳ל מאַרקיל! אַ יאַ, קפריסין אַקאַרפירער אתרוגיל, אַ פיטומיל גאָר אַ חידוש. טאַקי וואָס מען רופט אַ צאַצקעלע, אַ זיידען קינד! נו?

ר׳ אליה. טאַ, איך וועל מיך פּריוועןי.

פייבוש. אַ הקדמה מוז איך אייך זאָגען איידער איהר טרעט מיט מיר אין שותפות אריין, אַז דער ענין פון שדכנות האָט ליב אַ דריי־דיל (מאַכענדיג מיט דער האַנד אַרויף און אַראָב) אָט אַזוי, אַהין, אַהער, אין אַלע זייטען. מען בעדאַרף אַ מאָל אַריינפהאָרען עפּיס הינטען אַרום. עס זאָל אויסזעהן, מען פאָהרט, דאַכט זיך, קיין יהופּעץ און פּלוצלים זאָל גאָר אויסקומען בּויבעריק. פאַרשטעהט איהר?

ר׳ אליה. אין פּאָליטיקע מעגט איהר, נישקשה, אויף מיר זיך שוין פערלאָזען. דרינען האָב איך, ברוך השם, אַ געפיהל.

פייבוש. נאָר, למען השם, נישט אייער קירה׳ס פּאָליטיקע — זיך דרעהען, דרעהען און שטעהן אויף איין אָרט. אין דער שדכנישער פּאָליטיקע איז איין כלל: אַ דרעה און ווייטער. קשיות איז גאָר נישטאָ.

ר׳ אליה. עפּיס, רחמנה ליצלן, גאָר טערקיש!...

פייבוש. טערקיש צו שמערקיש, אַנדערש קען עס נישט זיין. אָט איז די גאַנצע פּאָליטיקע. לאָדען קען מען דאָ נאָר צום ונתנה תוקף און אין ערגסטען פאַל דיך רופען קנאַקניסעל....

ר׳ אליה (מיט אַ קנייטשעל) און נאָך אַלע זאַכען, הערט איהר, איז נייטיג אין דער גיך מלחמה. מיין געדראַנג אַקעגען דעם ענין איז דאָך זעהר וואויל. וואָרום, פאַרשטעהט איהר, ווי באַלד פּולווער, איז איין עק, שוין גאָר אַנדרע דינים.... (אויף דער גאַס ווייזט זיך הערשעלע דער סאָלדאַט און זיין ווייב גיטע).

פייבוש. גוט, כ׳לעבען, אָט איז הערשעלע! מען וועט איהם בעדאַרפען טאַקי אַ פרעג טאָן. (פּלוצלים קומט אָן צולויפען די מוהמע אָהן אַ נאָז מיט אַ גאַנצער האָפּטע).

# צעהנטע סצענע.

די מוהמע אָהן אנאַז, דאָס קליינע כלי־זמריל, ווייסע
חברה און אַ האָפּטע ווייבלעך, מיידלעך און מאנסבילען,
צווישען זיי הערשעלע, ניסיע, פייבוש און ר׳ אליה.

די מוהמע (מיט אייפּע אויף איין ארבעל, אין פאנטעפעלעך. האלט אַ טעלעריל, פּאָנפּעט און העצקעט זיך) אויף אַ מיידעל, יודישע קינדער! אַ יתומה, אָרם, עלענט.... (צו פייבוש׳ן מיט׳ן טעלעריל) אויף הכנסת כלה, ר׳ פייבוש! — וויוואַט!

פייבוש (באַברעט זיך מיט דער קעשענע) נישטאָ, אָוואַ! — טאָמער זייט איהר רייך אין אַ פּאָר גראָשען, ר׳ אליה?

ר׳ אליה. קיין צרות! — איך האָב שוין געוואָלט ביי אייך אַ בעט טאָן.

דאָס כלי־זמריל (ריפּעט אויף עפּיס א מין פידעלע, צוזינגענדיג אויף אַ ביי־קולרעו און לאַזט אוים מיט א קוויטש).

אַ נדבה, יודען, זאָלט איהר געבען,
אַ נדבה, יודען, אויף אַ בתולה!
אַ גרויסע זינד, בנאמנות, כ׳לעבען,
אַ מיידעל זיצען לאָזען, חלילה!
ניין איילען פייבוש קלעקט אָהן שאלות
אויף אַלע רייכע מאַכען חופּות,
און צו פאַרשלייערן אָרמע כלות
העצקען מוהמעניוס זיך אין ייפּעס.
אַשריכם ישראל, יודישע קינדער!
אַזאַ מוהמע, אַזאַ פייבוש גאָטסווינדער!

די ווייסע חברה (קרימען זיך נאָך, זינגען, שפּרינגען און טאנצען)

ניין איילען פייבוש אויף אַ חופּה,
צאן קדשים מע! אַ טאַנץ, אַ טופּע!
דריפּע, ריפּע, שקאָץ, דריפּע, ריפּע,
העצקע, מוהמע, זיך מיט דעם ייפּע!
(אין דעם עולם איז א געלעכטער)

די מוהמע (מיט'ן טעלעריל צום עולם) דערקוויקט אָ אָרם מיידעל, יודישע קינדער! אַ יתומה, נעבעך, וויל חתונה האָבען. גאָט זאָל אייך דערקוויקען די יאָהרען און איטליכענס וואונש דערפילען.

אַ ווייבעל. גיט מיר, מוהמע, אַ גראָשען, נאַט אייך אַ דרייער, אוי, לאָז גאָט מיר פעררוכטען מיין פינסטערע דאָליע...

אַ דינסטמיידעל. נאַט אייך אַ גראָשען, לאָמיך, זיסער גאָט, אויפגעריכט ווערען...

גיסיע, איין דרייער פאַר מיר און איין דרייער פאַר הערשעלען! בעט גאָט, מוהמעניו, פאַר מיין מאַן, ער זאָל בשלום צוריק קומען פון דער מלחמה.

ר' אליה. איהר הערט?... נו, ר' פייבוש, וואו נעהמט מען אַצינד אַהער איציק'ן!

פייבוש. אַהער, הערשעלע! אויף אַ וואָרט, נאָר אויף איין וואָרט.

הערשעלע. נישטאָ קיין צייט!

דאָס כלי־זמריל (ריפעט און זינגט מיט א קוויטש ווי פריהער)

אַ חופה גיך אַ יודען שטעלען.
אַ יודען גיך און באַלד בעגראָבען,
צוויי מעלות טובות, נאָר אָנצוקוועלען,
וועלכע מיר נאָר יודעלעך האָבען.
גיכער, יוד, זיך פרובפערן, מעהרען!
גיכער גט זיך, פעריל, ריקעל, פייגעל!
אַ, בעגראָבען גיכער זאָלסט דו ווערען,
ליג אין דר'ערד און באַק דאָרט בייגעל!
אשריכם ישראל! נישט צוצעהלען
אַלע אייערע שענע צרות:
אי מוהמעס אי פייבוש ניין איילען,
אי יודען, וואָס שרייבען צוועלף שורות!

(די מוהמע מיט דעם כלי־זמריל און דער גאנצער עולם צוגעהען זיך געשווינד, די וויסע חברה פערשווינדען שפרינגענדיג מיט רעש און געשריי).

פייבוש (אויף א קול מיט אימפעט, נאָכדעם ווי ער שטעהט אַ ווײלע שטיל, צומישט) מכשפה'טע!.... שייגעץ.... טפו! זאָלט איהר ווערען מיט אייער הכנסת כלה!.... (ער געהט אוועק געשווינד און ר' אליה נאָך איהם).

# דריטער אקט.

## ביי שמחה מאַריאַשעס אין הויז.

---

## ערשטע סצענע.

שפּרינצע, רייזעלע און מענדיל.

(רייזעלע זיצט שטאַרק צוטראָגען, האַלטענדיג אין דער האַנד אַ בריעף, אין וועלכען זי קוקט צו־ווײלען אַריין. אַ קעגען איהר זיצט שפּרינצע, אַרבייטענדיג אַ זאָק און דערלאַנגט הינטערוויילינגס אַ בליק אויף רייזעלען מיט אַ זיפץ).

**שפּרינצע.** גענוג שוין, רייזעלע, געטראַכט, איך בעט דיך!

**רייזעלע.** אַלכּסנדר זאָל שווייגען! — אָט איז זיין לעצטער בריעף און מעהר קיין וואָרט אַזאַ לאַנגע צייט! — ניין, ס'איז נישט אומזיסט!

**שפּריצע.** אָט וועסט דו זעהן, מענדיל ברייננגט באַלד אַ בריעף. — די פּאָטשט דאָרט אין בולגאַריע געהט נישט אַקוראַט. — מלחמה־צייט!...

**רייזעלע** (אָננעהמענדיג זיך ביים קאָפּ) עס קלינגט, שיסט, שיסט מיר אין די אויערען.... הונדערט האַרמאַטען שיסען דאָרט אַצונד און עס גיסען זיך טייכען בלוט.... בלוט פון מענשען, טייערע, ליעבע, טיעף אין האַרצען איינגעבאַקטע.... אוי, אַלכּסנדר!....

שפרינצע. (טאפט רייזעלען ביים קאָפּ) מיר פאַר דיין קאָפּ, טאָכטער, אזוי יונג און שוין אַ געבראָכען האַרץ. פאָלג מיך, רייזעלע, און נעהם נישט אַזוי צום האַרצען. מען מוז קענען אַראָבשלינגען צרות, וועהטיגען.

רייזעלע. אָבער אַזעלכע וועכטיגען, אַז דאָס האַרץ ציהט, ציהט און דו פיהלסט... מאַמע, איך בעט דיך, דו האָסט פערזוכט אַ מאָל אַזעלכע וועהטיגען?

שפרינצע. אַזעלכע?... ניין, די צייטען זענען נישט גלייך, אַנדערע צייטען, אַנדערע וועהטיגען; מיר האָבען געהאַט אונזערע וועהטיגען, אַזאַ וועהטיג ווי דיינער, ניין, האָבען מיר נישט געוואוסט און גאָר טאַקי נישט געקענט ווימען,

רייזעלע. לאַכען, כ׳לעבען, מוז מען פאַר צרות! אין דיינע צייטען זענען געווען העלצער. נישט קיין מיידלעך.

שפרינצע. זאָלסט דו טאַקי וויסען, מיידלעך, יונגע מיידלעך זענען אין אונזערע צייטען כמעט גאָר נישט געווען, עס זענען געווען יונגע ווייבלעך, כלות און קינדער. איך, אַ שטייגער, בין נאָך גאָר אַ קינד שוין געווען אַ כלה פאַר דיין טאַטען. אונזערע עלטערן זענען זיך געפעלען און ביידע זיך משדך געווען. ביז דער חתונה האָב איך מיינעם אין די אויגען נישט אָנגעקוקט, און דערנאָך אַפילו פלעג איך איהם זעלטען נאָר זעהן, מיר האָבען זיך געשעמט איינער מיט׳ן אַנדערען פאַר מענשען אַ וואָרט צו רעדען. — אָט אַזוי, רייזעלע, האָט מען חתונה געמאַכט קינדער. נאָך דער חתונה איז געגאַנגען אַ סדרה קינדער, צרות, פּורעניות, קאָפּדרעהעניש און ווער איז אין זינען געלעגען זיך צוצוהערען צו אַזעלכע זאַכען, וואָס מען רופט עס היינט עפּיס ליעבעס... אַנדערע צייטען, אַנדערע וועהטיגען.

רייזעלע. מען איז געווען, נעבעך, דערנידעריגט, דערשלאָגען, אַליין נישט צופאַרשטעהן די מיאוסע לאַגע, די וועהטיגען האָבען זיך אָנגעהערט נאָר מיט דעם מאָגען, מיט די בעדערפעניש אין דעם בעל־הבתישקייט, בידנע ווייבער! (זי געהט צו און גיט א קוק אין פענסטער) וואָס זאַמט זיך אַזוי מענדיל?... אוי, וועהטיגען — אַז ס׳טהוט וועה דאָס האַרץ, די נשמה!...

שפרינצע. שאַ, רייזעלע! דאַכט זיך, מען געהט, אַ ודאי מענדיל, אָט וועסט דו זעהן, ווי ער ברענגט אַ בריעף.

רייזעלע (צוהערענדיג זיך) האַ? יאָ, מענדיל! איך לויף אַקעגען

ד לויפט צו דער טיר און חאפט זיך באלד צוריק) און ווי אבער, אז נישטא?... לאמיך ווארטען, בעסער נישט פרעגען, לאז מיר זיך אלץ דאכטען טאמער... הער איך נישטא, א, איז איין עק!... (ד שטעלט זיך אויבענאן אין ווינקעל, מענדיל קומט אריין אין שטוב).

מענדיל. נו האט זיך עס דארט געטאן! א צוויי שעה בין איך אוועקגעשטאנען אין דעם רעש און נישט אויסארעדניג זיך דעם סוף האב איך געטאן א שפיי און אוועקגעגאנגען.

שפרינצע. וואס איז היינט אויף דער פאטשט אזוינס מעהר ווי תמיד?

מענדיל. וואס פאטשט! די קלויז מיין איך, א חאפטע איז זיך אהין צונויפגעלויפען, נישט געלאזט אויסנעהמען. איין געשריי: טייער פלייש, מען בערייסט דעם עולם! דער בעל-הבית איז צוקאכט. ווייזט אויף די נגידים. די נגידים שושקען זיך, און ווייזען אויף ר׳ יוחנצען, ר׳ יוחנצע וויל ניט מפסיק זיין, פאטשט אויפ׳ן שטענדער און מאכט אי, אי! דם צפרדע כנים איהם, די אלע עשר מכות!

שפרינצע. פאר וואס גראד איהם?

מענדיל. פון מיינטוועגען מעג ער דערפון אראבגעבען אי די נגידים, נאר דער גרעסטער חלק מכות קומט פארט איהם, גלויבט מיר, ס׳איז אינגאנצען זיין אנשטעל, ער מיינט שוין, מסתמא, ווייטער עפים... ס׳איז דא א פניה׳לע... אוי קען איך דעם שענעם יודען, פול מיט פליי אין דער נאז! ער איז אי אהין אי אהער, אין אלע זייטען און פיהרט אלע אין באד אריין. — אצינד האב איך שוין גאר א ניי לויפעניש (ער וויל געהן).

שפרינצע. און אבריעף, מענדיל?

מענדיל. א בריעף? הערסטו, עיקר שכחתי, אלץ דער שענער יוד, טפו זאל ער ווערען, יא...

שפרינצע און רייזעלע (ביידע אין איין קול) הא?... א בריעף, בריעף!

מענדיל. יא, אבריעף — איז נישטא. (ער גערט ארוים, רייזעלע מט זיך א ווארף אויף דער קאנאפע און בלייבט זיצען שטיל, פארדעקט דעם פנים מיט ביידע הענט).

שפרינצע (צוקומענדיג צו רייזעלען) רייזעלע, דו וויינסט!... אך, האב רחמנות אויף דיר, אויף דער מאמע!

רייזעלע. מאַמע, נישט גוט! עס ליגט מיר אַ שטיין אויפ'ן הארצען . . .

שפרינצע. איך גלויב דיר, טאָכטער! איך בין טאַקי אַ יודענע פון דער אַלטער וועלט, אָבער אין מיר ליגט נאָך אַ הארץ פון אַ מוּטער, (זי וויינט) איך פיהל, מיין קינד, דיין שווער ביטער געמיט, דאָס העליש פייער דאָרט אין דיר ברענט און בראָט און צוקאָכט דאָס בלוט אויך מיר... נאָר וואָס קען מען אָבער טאָן? (זי נעהמט ארום רייזעלען ביים קאָפ) מיר פאַר דיין קאָפּ! קום בעסער און לעג זיך אַביסעל צו ביי דיר אין חדר. (איינע דער אנדערער טהוט א קוש און געהען ביידע אוועק).

---

# צווייטע סצענע.

## פייבוש און שפרינצע.

פייבוש (אריינפליהענדיג אין שטוב) אַ גוטער פורים! (ארומקוקענדיג זיך) נישטאָ קיינער?.... גלייכער! דערוויל בעטראַכט איך מיר דאָס גאַנצע דריידיל. — חאַסקילעס פלונית'טע האָט מיט איהר שטאַרק מיך מחיה געווען. — וואָס מיר ר' אליה? וואָס מיר יוסיל פינטשעווער? אַ דולעניש נאָר! חאַסקיל איז גין=גאָלד.... אַלסדינג איז דאָ צום רימעל. טאַקסע, ר' יוחנצע, נגידים. שטאָדט = שקצים.... טאַ=טאַ=טאַ, אַ דריידעל מיט אַלע פישטשעווקעס! — ר' יוחנצע האָט עס היינט געמאַכט די שפיל ממזריש, ווי אַ גוטער פורים=שפילער! שמחה'ן גענומען אויפ'ן דראָנזשיק, האַלט די בייטש אָנצוטרייבען: וויאָ, שמחהלע, וויאָ! דער שידוך, אם ירצה השם, ועט פאָהרען.... (שפרינצע קומט אָן).

שפרינצע. אָ, אַ אָנגעלעגטער גאַסט! זיך פאָרט אויסגעריסען אַ מאָל צו קומען. זיצט=זשע, ר' פייבוש! עפּיס איז דאָך היינט שושן=פורים, קומט דאָך אַביסעל בראַנפען טיט קישעלעך, פאָרט אַ געוועזענער שדכן, אַ גוטער פריינד!...... (זי געהט צו דער שאַפע).

פ ײ ב ו ש (אַרײנשטעקענדיג די האַנד הינטער׳ן קאָלנער) איך זוך היינט אַלץ בײ מיר און זוך: רבונו של עולם, וואָס בייסט מיך, פיקט מיר אַזוי אין קאָפּ? (טהוט זיך אַ קראַץ) און טאַקי געפונען! מען בעדאַרף, זאָג איך, אַרײנגעהן צו שפּרינצעלען...

שפּרינצע (אַנידערשטעלענדיג אויפ׳ן טיש אַ פלעשיל בראַנפען מיט קישעלעך) גוט טאַקי האָט איהר געטאָן. — אַי האָב איך אַ האַרץ פול מיט מכות, יסורים!.... מאַכט ברכה, ר׳ פײבוש!

פ ײ ב ו ש (אָנגיסענדיג אַ קידוש־גלעזעלע) געה פרעג גאָטעניו קשיות, אַז ער דרעהט זיין וועלטיל! אָט דרעהט ער אַהער און פלוצלים גאָר אַ דרעה צוריק. — לחיים! אַבי געזונד, שפּרינצעלע. און וואָס ווייטער איז בע.... מסתמה וועט זיין רעכט. (ער טרינקט) אָ, בראַנפען, גאָר אַ חידוש!

שפּרינצע. לאָזט זיך נישט בעטען, טרינקט נאָך געזונטערהייט. — אמת טאַקי, גאָטעניו, ווי איהר זאָגט, טאָר מען קיין קשיות ניט פרעגען, נאָר אַ וועהטיג איז עס אַ גרויסער. פון אַזוי פיל קינדער קוים דערלעבט מיין רייזעלען און געמיינט, פין איהר אָט, אָט נחת האָבען, פלוצלים.....

פ ײ ב ו ש (פאַלט איהר אריין אין די רעד אויסטרינקענדיג דאָס גלעזעלע) לאָזט זיך דינען, שפּרינצעלע! מילא קומט דאָך בײ אייך אויס, אַז רבונו של עולם מאַכט זיך זיין דרעהעלע גלאַט אַזוי, עט.... גאָרנישט! (אַ קראַץ הינטער׳ן קאָלנער) ניין, אַז מע זוכט, געפינט מען! דער בים איז דעם זינדיגען מענשען אַ אָנצוהערעניש, ער זאָל זוכען גאָר אין דער אַנדערער זייט, וואָרום דער אמת איז, אין אַזעלכע ענינים מוז מען צומאַכענדיג די אויגען לאָזען פיהרען, מען פריווט, טאָמער געהט עס אַהער, געהט עס נישט אַהער, בעדאַרף מען זיך נישט מצער זיין און פריוועגן אַהין, פאַרשטעהט איהר מיך? אַ דרעה אַהין... ר׳ שמחה אייערער פאַרשטעהט די זאַך אַוודאי בעסער און זינדיגט ניט מיט די רעד. וואָרום ר׳ שמחה איז אַ ווילדער חכם און האָט אין זיך דאָס פינטעלע יוד.

שפּרינצע. ניין ר׳ פײבוש, דאָ איז גאָר נישט דאָס פינטעלע. שמחה מיינער קוקט פשוט אויף דער זאַך ווי אונזערע טאַטעס, מאַמעס אַמאָל, אַ שידוך איז נישט חתן־כלה׳ס עסק, נאָר די עלטערנס. היינטיגע קינדער טענה׳ן אָבער אַזוי: —

פ ײ ב ו ש. איך וויל גאָר נישט הערען יונגעלשע טענות. עט! שטות׳ערייען. נוייס איך, וואָס קינדער דאָרט פלוידערען! (ער נימט צו

האָט גלעזעלע) ר׳ שמחה קוקט דערויף טאַקי ווי אַ ווילדער חכם. (ער טרינקט)

שפרינצע. אַ וואונדער, כ׳לעבען! ביים שידוך מיט אלכסנדר׳ן האָט איהר, ר׳ פייבוש, גערעדט גאָר אנדערע ווערטער!

פייבוש. אַ, דערלעבען זאָלט איהר משיח׳ן! איהר האָט דאָך מיך טאַקי, איך בעט אייך איבער ווי איין אייגענע מוטער, נישט פערשטאַנען. הערסטו, דרינען טאַקי ליגט דאָך דאָס גאַנצע שפּיצעל! דרעהט גאָר טעניו אַהער — איז אַהער, דרעהט זיך אָבער דאָס רעדעל איבער, מוז עס בהשגחה פרטית, זיך דרעהען גאָר אַהין.... אַי וואָס, פון לכתחלה?.... דער תירוץ איז גאָרנישט... קשיות איז גאָר נישטאָ, צוקייעט עס נאָר גוט, שפרינצעלע, ס׳איז זעהר אַ טיפער ענין. — אייער ר׳ שמחה, זאָג איך נאָך אַמאָל בפירוש, איז אַ ווילדער חכם.— איהר מעגט עס איהם פון מיינטוועגען אָבזאָגען. פאַרקעהרט, אדרבה— ר׳ שמחה זאָל וויסען, ווי איך האַלט פון איהם עולם ומלואה, וואָלט פייבוש ביי איהם געווען, פאַרשטעהט איהר? נאָר טע־טע־טע!.... עיקר הדבר, געדענקט זשע, איז דאָס פינטעלע, וואָס ער איז אַ יוד, טאַקי מיט׳ן פינטעלע. — אַ גוטען!

שפרינצע. אַזוי גיך! עפּיס האָט איהר מיך דאָך גאָר מביש געווען נישט געטרונקען, נישט פאַרביסען!

פייבוש. נישקשה, עט.... באַלד אפשר קום איך נאָך ווידער. אַצינד איז זיך גלאַט אַזוי.... (ער געהט אַוועק).

---

# דריטע סצענע.

שפרינצע, שמחה, דערנאָך דוואסיע.

שפרינצע (קלייבט צו פון׳ם טיש און שטעלט אריין אין שאפע) פייבוש, פאַרשטעה איך, מיינט טאַקי, זיינע שבחים זאָלען צו שמחה׳ס אויערען

קומען, און וועלען, פון שלום וועגען, טאַקי קומען. לאָז מיינער, כ׳לעבען, טאַקי אויף איהם זיך נישט אַזוי בלאָזען... (זי זעצט זיך נעבען דער קאָמאָדע און זעהט איבער דאס וועש. נעהמט זיך דערנאָך אריינציהען א פאדים און טרעפט נישט אין לעכעל) אַ קעפּיל אַביסעל, גאָר אַ פינטעלע! — עפּיס פינטעלט מיר היינט, פייבוש, אַלץ פינטעלע, מיט דעם פינטעלע! — (צילעט) געה טרעף אין פּינטעלע!... היינטיג-מאָדישע קעפּלעך, משטיינס-געזאָגט... נו, צו וואָס טויגען די אַלע פינטעלעך, יענעם נאָר צו פאַרבלענדען די אויגען! (לעגט אוועק די נאָדעל) נאָר אַ שווינדעל, אַ קאָפּדרעהעניש, טפו... (שמחה קומט אריין מיט׳ן טלית-און תפילין-זאַק אונטער׳ן ארם) אַ שענער שושן-פורים, מען זאָל אַזוי שפעט דאַוונען און ביז אַ צינד אין מויל נישט צוהאָבען!

שמחה (לעגט אנידער דעם תפילין-זאַק און זעצט זיך אקעגען שפרינצען) אוי, האָט מען מיט מיר היינט געדאַוועגט!

שפרינצע. איך ווייס שוין, ווייס! גוטס לאָזט זיך הערען. — נאָר אַ אָנשיקעניש, כ׳לעבען!

שמחה. אוי, אַ אָנשיקעניש! הלואַי עס זאָל זיך גוט מיט אונז אויסלאָזען. אַלע אויף מיר: אַ הויטשינדער, אַ בעריסער! נאָר אַ צוזעעניש, ווייסענדיג, אַז מיר קומט פונ׳ם טײַערען מקח גאָרנישט אַרויס, אינגאַנצען נאָר זיי, זיי, די פיינע בריות, און דאָ טהאָר מען נישט אַרויס מיט אַ וואָרט! — אַז זיי זענען די שטאָדט און פאַר אַ פּיפּס נאָר, ווערט פון דיר תל. — אוי דער ר׳ יוחנצע, ר׳ יוחנצע! ער זאָל זיך עס היינט אָברופען פאַר מיר איין וואָרט, גלייך ווי אַ יודישער גראָשען איז איהם אָסור חזיר. ער האָט נאָך געמאַכט עפּיס אַזאַ מינעלע, ווי ער האָט הנאה, וואָס דער עולם שרייט. וואָס ער מיינט דערמיט, ווייס איך לעת עתה נאָך נישט. נאָר מסתמה וועט זיך עס אַרויסווייזען.

שפרינצע. פאָרט וואָס איז בײַ אייך דאָרט געבליבען?

שמחה. געבליבען? די אַלטע קאָמעדיע, פורים-שפיל — איין אַסיפה!... די נגידים וועלען היינט אין אָוועגד זיך דאָ צוזויפקומען. זיי מיינען אַ קערמישעל. זאָל זיין אַזוי! נאָר אָן דעם איז דאָך עפּיס אויך שושן-פורים!

שפרינצע. אַי, ס׳איז אַ גאַנצע אַרבייט!

שמחה. מילא וואָס קען מען טאָן. אַז מען ליגט בײַ זיי אין די הענט, (ער שטעהט אויף) קיינער איז דאָ היינט נישט געוועזן?

שפרינצע. האַ?... וואָ? פייבוש איז היינט אַריינגעקומען. — וואָס האָסט דו זיך אַזוי פערקרימט, שמחה?

שמחה. מילא, עט.... פייבוש־שמייבוש!.........

שפרינצע. דו זאָלסט וויסען, שמחה, ווי פייבוש האָט דיך ליב און לויבט דיך אין כאָג אריין: ער זאָגט: דו ביסט א יוד מיט דעם פינטעלע, א ווילדער חכם. — נאָר נעהם זיך פונדעסטוועגען נישט איבער, שמחה!

שמחה (שמייכלענדיג מיט א שיינענדיג פנים) ביים ווייב איז דער מאַן אין די אויגען קיינמאָל קיין חכם נישט. אונטער די אויגען איז איטלי־כער מאַן, דער גרעסטער שוטה אפילו, ביים ווייב א שטאַרקער חכם. — נעהם זיך, שפרינצעניו, פונדעסטוועגען אויך נישט איבער מיט דיין מאַן, וועלכען מען לויבט אַזוי... הא, אַזוי? איז דאָ היינט, זאָגסט דו, פייבוש געווען.... אַז פייבוש האָט מיר שוין יאָ ביי דיר דאָס מזל פערדריכט, גיב זשע מיר, סערדצע, א ריִשעלע מיט אביסעל בראָנפען:

דוואָסיע (אריינלויפענדיג מיט אימכּעט) א שאלה! ביי דער הוהן איז א שפילקע אין פופיק.

שפרינצע. אָט האָסט דו דיר פון אלע מלאכות!... דוואָסיע, גרייט צו א וועטשערע. היינט וועלען דאָ זיין די נגידים.

דוואָסיע. מזל טוב דיר! נאָ דיר נאָך נגידים אויף דיין קאָפּ! אי, אין דער ערד אריין, כ'לעבען!

שפרינצע (צו שמחה'ן) געה, מיין חכם, אריין צו דיר. דו שטעהסט שוין אלסדינג אָנגעגרייט. (שמחה געהט אוועק)

---

# בערמע כּגענע.

שפרינצע, דוואסיע, ר' אליה און פייבוש

שפרינצע (צעהלט אויף די פינגער) פיש געלע מיט ראָזינקעס, קיין יויך, מיין איך, בעדאַרף מען נישט.

דוואָסיע. וואָס דען! נאָך א מאָל לאָקשען!

שפרינצע. אַ טאָפּ געבראָטענס פון קאָפּ קיסליצע, אַ לערדוועצע.

דוואָסיע. אפשר איין עסינגפליישיל מיט אַ גריינשיל איינגעהאַקטע קוילען פון זאָדיק־פלייש אין זויערען.

שפרינצע. מלינצעס, סרח׳ס־קנײדלעך, וואַרעניקלעך מיט קאַשע און גריוועז.

דוואָסיע. אַזוי פיעל! אפשר טאַקי שוין גאָר אַלע מאכלים: זראזע, אַ ראָסעל־פלייש, לעבערלעך מיט ציבעלע, פּעטשע, קוגעל, אָנגעפּילטע העלזלעך, חרעמזעל, פוילע וואַרעניקעס — פוילען זאָלען זיי! וואו וועלען זיי דאָס אַלסדינג לעגען?

שפרינצע. אונזערע נגידים האָבען ליעב צו עסען, בפרט ביי יענעם, אַז ס׳קאָסט זיי קיין געלט נישט.... נו, פלאָדען איז דאָ, טאָרט איז דאָ, פאַנקוכען איז דאָ, סטרודעל איז דאָ, מלכות־ברייטלעך — דאָ, גענוג איבערגעבליבען פון פורים, פלוימענצימעס איז אויך דאָ. נישט צו פאַרזינדיגען! פאַר נויט קען מען נאָך צומאַכען אַ קאָמפּאָט פון עפּעל. לאָזען זיי עסען! אויף יענעמס חשבון עסען זיי מיט אַפּעטיט.

דוואָסיע. צוזעצטערהייט, רבונו של־עולם! אַ פרעסען אַביסיל!... גאָר היישרעקען, טפו! (זי לויפט ארוים).

שפרינצע. משקה—דאָס איז שוין שמחה׳ס זאַך. נו און ווייטער גאָרנישט... (ר׳ אליה קומט אריין, דערלאַנגט אַ שמיר די מזוזה מיט אלע פינגער און קושט זי דערנאָך מיט אַ זיפצעלע).

ר׳ אליה. אַ, גאָט העלף! (בעטראַכט פון פאָרענט און פון הינטען די פּאָלעס פון דער קאַפּאָטע) נו, גוט פאַרדריפּעט!

שפרינצע (צוקוקענדיג זיך צו ר׳ אליה׳ן) נאָך אַ נעכטיגער, אַ פורים׳דיגער שלומפּער?

ר׳ אליה. אי! ערשט נולד געוואָרען היינט, געהענדיג אַהער... און לסוף, אייערען, אפנים, ווייטער נישט געטראָפען. אָווא, אַ מעשה, אַ מעשה... האָב שוין אַזאַ מזל עפּיס, האָב איך. לויף און, מעשה שטן, געראָטה מיר נישט צו חאַפּען אייערען, טיפּליך אַריינלאָזען זיך מיט איהם מכח איין ענין. טרעף איך איהם אַמאָל שוין יאָ און נעהם מיך צום שמועס גאַנץ ברייטליך, טראָגט דער רוח אָן דעם, יענעם און בלייב אַלץ פון פאָרענט, בלייב איך. אָווא אַ מעשה, אַ מעשה.

שפרינצע. מיינער איז אַ ביסעל פערנומען. נאָר איך וועל

איהם זאָגען. זיצט דערווייל, ר׳ אליה, אויב איהר האָט צייט (זי געהט).

ר׳ אליה (אַליין זיצענדיג זיך אויף א ביינקעל) אויב איהר האָט צייט?— אַ שאלה אַביסעל! מיינע קאַנטאָרען די גרויסע! (ער גענעצט) אַהו=הוך!... יאָ, גערעכט פייבוש! פאַר שפּרינצען איז חיות מיט אַ וואָרט... היינט בּלי נדר מאַך איך שוין קיין הקדמות, הויב גלייך אָן דעם עסק: איהר ר׳ שמחה און ר׳ יוסיל פינטשעווער — יוסיל פינטשעווער. זאָל זיין מיט מזל!... (ער הייבט זיך אויפ׳ן ביינקעל) איך זיץ ווי אויף שפּילקעס. אָח=חאָ=חאָ, די זאַך זאָל שוין האָבען אַ סוף! נישטאָ בּיי מיר קיין גראָשען... (ער שטעהט אויף און הערט זיך צו) דאַכט זיך, ווי עמיס טריט, האַ? (ער געהט און שטעלט זיך הארט נעבען דער טיר צוהערענדיג זיך) געלויבּט איז גאָט! פאָרט אויף שמחה׳ן מיך אויסגעוואַרט.

פ י י ב ו ש (גיט ביים עפענען פלוצלים די טיר א שטופ ר׳ אליה׳ן אויף עטליכע טריט ווייט) אָווּאַ, ר׳ אליה!

ר׳ א ל י ה (פערגאפט) עמיס גאָר אומגעריכט! ווי קומט איהר אַהער?... איך האָב, נישקשה, אין זינען מיין זאַך

פ י י ב ו ש. גיכער, ר׳ אליה! שוין אַ פאָר שעה זוך איך אייך, גיכער צו יוסיל פינטשעווער! עמיס מאַכט ער פוילע תנועות. מען בּעדאַרף צו איהם האָבען אייער פה קדוש.

ר׳ א ל י ה. וואַרט דאָך שמחה׳ן, וואַרט איך. אָט קומט ער, הויב איך גלייך אָן עסק.

פ י י ב ו ש. טענה׳ט נישט און געהט. שמחה׳ן לאָזט שוין איבּער אויף מיר.—בּאָם איהר טרעפט איהם נישט אין דעם היים, זאָלט איהר זיך אַנידערזעצען אויף אייער חזקה=אָרט ביים קלייטעל און וואַרטען... (צופיהרענדיג ר׳ אליה׳ן צו דער טיר) אָט אַזוי, אַזוי.— עמיס סווישטשעט בּיי אייך אַ שוך און מיאוס געעפענט אַ מויל, דאָס סווישטשעט ער אויף גייע. גאָט וועט העלפען... געהט, זייט מוחל, געזונטערהייט.

ר׳ א ל י ה (קראַצט זיך אין קאָפּ) אָווּאַ, עס געהט אַ שלאַקס=רעגען, נור אין בּרירה. (ער געהט ארויס).

פ י י ב ו ש (מאַכט מיט אלע צעהן פינגער א לאַנגע נאָז) פּישיש, קירה, אַ גרויסער פלאַקענשיסער!... אויס שותפות, ר׳ אליה

# פינפטע סצענע.

## שמחה, פייבוש, דערנאָך מענדיל.

שמחה (בּיים אריינקומען שטאַרק פערוואונדערט) ווייס איך וואָס זי זאָגט דאָרט... ר׳ אליה!

פייבוש. איהר מיינט פייבוש!... ר׳ שמחה. אַ היבּשע צייט טאַקי דאָ נישט געוועזן. וואָס זשע מאַכט איהר, ר׳ שמחה׳ניו? איך האָבּ שוין נאָך אייך געבּיינקט, בּנאמנות! עס גלוסט זיך אַמאָל הערען אַ קלוג וואָרט און ריידען מיט אַ גוטען, עהרליכען מענשען. אוי, איז היינט אַ וועלט! דורך שקר.

שמחה. זעהט איהר, דאָס גראָד זאָגט איהר איין אמת.

פייבוש. וואָס דען? — איך קען קיין עולות נישט ליידען. דאָס היינטיגע שרייען אין קלויז איז דאָך גאָר געוועזן פע, חולשה־חלשות! אינגאַנצען איז דאָך עס איין אָנגעשטעלטע זאַך, איינער האָט אונטער־געהידעט. איך ווייס, נישקשה.

שמחה. (זעצענדיג זיך) זיצט, ר׳ פייבוש! זעהט איהר, דאָס איז דאָך מיר טאַקי שטאַרק געלעגען צו וויסען.

פייבוש. (פאַרבּייגט די פּאָלע און זעצט זיך פאַמעליך נעבּען שמחה׳ן) מילאָ וואָס מאַכט עס אויס, אַז יענער טאַראַראַמט דאָרט, ר׳ שמחה, נישקשה, וועט בּלייבּען ר׳ שמחה. פאַרקעהרט. יענער דרעהט לרעה און גאָטעניו דרעהט דווקא נאָר לטובה... מיר האָבּען מכּח דעם גענוג געשמיעסט בּיי ר׳ יוחנצען, זאָל לעבּען.—איך בּין געוועזן דאָרט מנחם אָבל זיין, איהר ווייסט דאָך, ר׳ חאַסקילעס ווייבּ איז, לא עליכם, גע־שטאָרבּען פון אַ קינפּעט מיט אַ צווילינגעל. — וואָס פאַר אַ כּלי שלמה דער ר׳ חאַסקילע איז, טאַקי ר׳ יוחנצעס אַ זוהן און דעם אַלטען רבּ׳ס אַ אייניקעל. אַ קאַטאָוועס אַזאַ משפּחה. לויטער בּערען . . . וואָס פאַר אַ גזע, אַזעלכע צווייגעלעך. דאָס ווערצעלע מאַכט זעהר פיעל אויס. האַ?

שמחה (פערטראַכט מיט אַ זיפץ) אוי מאַכט ער מיר אויס, מאַכט דאָס ווערצעלע אויס, ווען ר׳ יוחנצע זאָל וועלען—הע־הע.

**פ ײ ב ו ש**. בּהן שלי, ר׳ יוחנצע איז אײך זעהר גוט און װיל...
אײער טובה גאַנץ שטאַרק. נאָר, לאָזט זיך דינען, ר׳ שׂמחה, אַביסעל געװענדעט זיך עס אָבּער אין אײך.... יאָ, האָבּען מיר מכּת דעם געשמועסט. מכּח דעם, פאַרשטעהט איהר, װי גאָטעניו דרעהט יין װעלטיל. עס דרעהט זיך אַמאָל אוים גאָר להפך... אין דעם טיפען שמועס איז אַרויף גראָד דאָס, אַ שטײגער, װי גאָטעניו קען מען קײן קשיות נישט פרעגען. דאכט זיך, איהר האָט דאָך געטאָן אַ שידוך און לסוף... איז גאָר אין הימעל אויסגערופען געװאָרען עפּיס אַנדערש. בּת שׂמחה לבן פלוני...

**ש מ ח ה**. פערקריכט נישט, ר׳ פײבוש, אין זײטיגע זאַכען. ענדיגט בּעסער מכּח דעם שמועס דאָרט בּײ ר׳ יוחנצען. װאָס פאָרט זאָגט ר׳ יוחנצע? עד מתי, געװאַלד, װעט מען מיך אַזוי קװעטשען?— אוי, ר׳ יוחנצע זאָל װעלען!...

**פ ײ ב ו ש**. ער װיל, װי איך בּין אַ יוד... אָט װאָס מיר האָבּען געשמועסט. לאָזט זיך נאָר דינען, ר׳ שׂמחה. מיט עטליכע יאָהר צוריק האָט איהר געהאַט אַ אויג אויף אַ חאַסקעלען. װאָס מאַכט זיך אָבּער? קומט אײנער און חאַפּט איהם פלוצלים אוים. ער האָט חתונה, און אײער רײזעלע װערט אַ כּלה פאַר אַ אַנדערען. װאָס זשע טהוט גאָטעניו? נאָר אַ קלײן דרעהעלע, אַזוי: דו, רײזעלעס חתן, זײ אַ כּפּרה פאַר ר׳ חאַסקעלען, און דו, ר׳ חאַסקעלעס װײבּ — אַ כּפּרה, נעבּעך, פאַר רײזעלען. װאָרום אויבּען איז בּעשײנפערליך אָנגעחתמעט געװען: ר׳ חאַסקעלעס װײבּ זאָל אין דעם יאָהר געלעגען װערען מיט אַ צװילינגיל און שטאַרבּען. נמצא, װען עס זאָל זײן, װי אײך האָט אין דער התחלה זיך געגלוסט, װאָלט דאָך רײזעלע געװינען דאָס צװילינגיל און געשטאָרבּען!... אַצינד זעהט מען טאַקי קלאָר אַרוים דעם נס, די חידושים הבּורא... גאַנץ קלאָר װי דער טאָג, ס׳איז אַ זיװוג משמים. פאַרשטעהט איהר, ר׳ שׂמחה?

**ש מ ח ה**. אַצינד הויבּ איך שוין אָן אַבּיסעל צו פאַרשטעהן. אַהאַ!... נאָר װאָס העלפט עס אָבּער, עפּים איז דאָך דאָ אַ װײבּ אויך, אַ טאָכטער, װאָס... (מענדיל קומט אריין) מענדיל! מאַך אין שטוב אַ שטיקעל סדר צו דער הײנטיגער אַסיפה.

**מ ע נ ד י ל**. איהר הײסט מיר אין שטוב און די בּעל הבּית׳טע— אין קיך. זאָל איך מיך צורײסען?

**פ ײ ב ו ש**. כּ׳לעבּען, ר׳ שׂמחה, איך װעל דאָ בּלײבּען און

אביסעל צוהעלפען. דאנקט נאָר נישט, דאנקט נישט, ר׳ שמחה, וואָס מאַכט עס אויס... עט, נישקשה... היימישע מענשען. הלואי אויף שמחות, ביי אייער טאָכטער אויף דער חתונה.

שמחה (מאַכענדיג מיט די אַקסלען): הים-הום... טאַ... קום, מענדיל, נעהם זיך צו דיין זאַך. (שמחה און מענדיל געהען אַרויס).

---

# זעקסטע סצענע.

פייביש, מענדיל, דערנאָך דוואָסיע.

פייבוש (אַרומקוקענדיג זיך): איך בין דאָ... דאָ, ברוך השם, מיטביידע פיס!... היום הרת עולם, אויף היינט שטעהט די וועלט. מיין טויט זאָל דאָ זיין, געה איך פון דאַנען נישט אַוועק ביז מיר אַרבייטען עס נישט אָב מיט׳ן קנאַק.—שמחה, נישקשה, איז גוט איינגעשפּאַנט און ר׳ יוחנצע, זאָל לעבען, איז אַ גוטער שמייסער... הכלל, ס׳איז רעכט. און קודם כל, מיין איך, וואָלט אפשר נישט קרום געוועזען חאַפּען בינתים אַ מנחה. (ער רייבט די פינגער אויף די פענסטער. די טיר עפענט זיך דערווייל פּלוצלים אויף אין קאָרידאָר אַריין, פון וואַנען עס זעט זיך אַ לאַנגער טיש).

מענדיל (שטעהענדיג אין דער טיר): זייט-זשע מוחל, ר׳ פייבוש! וואו זייט איהר ערגיץ?

פייבוש: תיכף, מענדיל, די רגע. האָב נאָר אַביסעל צייט (ער פאַרשטעקט די פּאָלעס און פאַרקאַשערט די אַרבעל) נו, אַצינד בין איך פאַרטיג. דו, מענדיל, געה אין קאָרידאָר פון יענער זייט און איך וועל אַ נעהם טאָן דאָ. געהט עס ווי אַ מזמור.

מענדיל (שטופּענדיג דעם טיש מיט כח): אַ בייג אַ ביסעל אין דער זייט, ר׳ פייבוש! נו, גיט איהר דאָרט אַ דרעה?

פייבוש (שפּרינגט אַהין, אַהער, קוועטשענדיג זיך, ווי ער רייסט אין דאָס

נעזונט) אַ שײַנע הענטעלע, אַ ביסעל, אויב איך גיב אַ דרעה! אַי דרעה איך... עס געהט אָבער עפּיס נישט. פּריוו נאָר דו דאָרט געבען אַ דרעה!

מ ע נ ד י ל. און איהר האַלט נאָר בײַ אײַך דאָרט שטאַרק מיט בײדע הענט! (דער עק טיש הייבט זיך הויך אויף און דער טיר און פאַלט באלד טאקי אראָב) פאַר וואָס זשע פאַלט עס בײַ אײַך, ר' פייבוש, אראָב?

פ ײ ב ו ש (קוועטשענדיג זיך קלאַמפּערשט ווי ער טהוט) אַוודאַי פאַלט בײַ מיר אראָב! ס'איז גאָר האַרב דאָס אויפהייבען. פּריוו נאָר נאָך אַ מאָל, אָבער מיט אַלע כּוחות. אָדער ווייסט דו גאָר וואָס, געה דו אַהער און שלעפּ, איך וועל געהן אַהין אונטערשטופּען. (פייבוש געהט ארום און מענדיל קומט אריין).

מ ע נ ד י ל (שלעפּענדיג מיט אלע קרעפטען) איין בײג, האָטש אײַן בײגעלע אין דער זײט! (פונים קאָרידאָר הערט זיך אַ קוועטשעניש, ווי פייבוש סאָפּעט און גיט אונטער השק. פלוצלים רוקט זיך דער טיש אריין מיט אימפּעט און וואַרפט מענדלען אום).

פ ײ ב ו ש (אריינקומענדיג) אָוואַ! איך בין אָסור נישט שולדיג. דאָס איז זי... בײַ מיר האָט זיך עס גערוקט גאָר מחיה, בעדאַרף זי זיך אַרײַנמישען און דערלאַנגען אַזאַ שטופּ.

ד װ אָ ס י ע (ווײַזענדיג זיך אין טיר מיט אַ געלעכטער) האָסטו געהערט, אַ שעה זאָל מען זיך באַבּרען אַרום אַ טיש! רעכט אויף דיר, רעכט, בּרעך פון מײַנטוועגען דעם קאַרק.

מ ע נ ד י ל. גלויבט איהר נישט, ר' פייבוש! ווײַבער האָבען ליב תמיד זיך פאַרשטעלען. לאַכען קלאָמפּערשט, ווען עס ווײנט זײ דאָס האַרץ.—דוואָסעניו, איך האָב דערקענט דײַן שטופּ! שוין נישט דאָס ערשטע מאָל. געה האָטש הייב מיך אויף און טהו מיך אַ קוש!

ד װ אָ ס י ע. אָט זו יאָג איך מיך! אַזאַ גרויסע מכּה זאָל דיר זיך זעצען ווי גרויס דו וועסט דערויף וואַרטען.

פ ײ ב ו ש. נו מענדיל, טהו איהר היינטיגס מאָל צוליב און שטעה אַליין אויף. בײַ'ם אַנדערען וואָרף טאָן דיך וועט זי שוין מיט איהרע אײגענע כּשרע הענט דיך אויפהייבען.

מ ע נ ד י ל (אויפשטעהענדיג) הלואַי פון אײַער מויל אין דוואָסיעס אויערען אַרײַן! זאָג, דוואָסעניו, אמן!—זעהט איהר, זי שווײַגט, אַז איהר ווילט זיך נאָר אַ יחוס-שידוך. אַ בחוריל מיט אַ אויסגעווייקט פּניציל.

ד װ אָ ס י ע. איך שטעה מיר דאָ און קוק, ווי ער מאַכט זיך משוגע

און דערווייל קען דאָרט דאָס טעפּיל אויסלויפען! אויסלויפען זאָל דיר די נשמה, ימח־שמוניק איינער! (זי לויפט ארוים).

# זיבעטע סצענע

פייבוש, מענדיל, שפּרינצע אַ שמש און שמחה.

פייבוש (האַלטענדיג זיך אין די זייטען מיט פערקאַטשעטע אַרבעל און פערשטעקטע פּאָלעס) נו, האָבען מיר שוין, ברוך השם, דעם טיש אויף אַריינגעטראָגען, האָבען מיר.

מענדיל (באַבּרענדיג זיך ארום דעם גרויסען טיש) נעהמט, ר' פייבוש, אַט דעם טישעלע פון מיטען שטוב און שטעלט עס אין ווינקעל דאָרט.

פייבוש (צולויפענדיג צום ווינקעל) האָסט אַ טעות, מענדיל, עס וועט נישט געהן, פּריוו אדרבה, וועסט דו זעהן. — הערסטו וואָס איך וועל דיר זאָגען, דוואָסיע איז גאָר דאָס וואוילע מיידיל.

מענדיל (אַנידערשטעלענדיג דאָס טישעל אין ווינקעל) עס שטעהט, דאַכט זיך, גאַנץ גוט.

פייבוש. טאַקי באמת גאָר נישקשה'דיג, ווי איך בין אַ יוד, — נו, האָבען מיר שוין דעם טישעל אויף אַנידערגעשטעלט. — מען בעדאַרף זיך אַ נעהם טאָן צו דוואָסיען.

מענדיל (אויסדרעהענדיג דעם גרויסען טיש פון איין זייט) דאַכט זיך, די זייט שטעהט גלייך. — אדרבה, פּריווט זיך, ר' פייבוש.

פייבוש (אַרוק געבענדיג דעם טיש נאָר באַלכסון) אַצינד, מענדיל, אַביסעל אַרוק פון דיין זייט. — פון דוואָסיעס זייט, זאָג איך דיר, וועט שוין, אם ירצה השם, זיך אָנהויבען צו רוקען.

מענדיל (אויסגלייכענדיג אין פייבושעס זייט) אַבי נישט קרום, חלילה, ווי דער טיש.

פייבוש (אַשטופּ געבענדיג אומגערן דעם אנדערען עק טיש) קרום, חלילה,

קען גאָר בײַ מיר נישט זײַן. איך האָב שוין דערצו מײַנע מיטעל. (אַ קראַנץ הינטערן קאָלנער) אַז מען זוכט, געפֿינט מען.

מענדיל. דאָס וואָס איהר, ר׳ פייבוש, געפינט, איז אייער סוד, בײַ אייך בלייבּ עס. איך אָבער געפין, אַז בײַ אייך, מחילה, איז אין דער הווער, מיר שפּאַרען שוין אָן נעבען דער טיר. (שפּרינצע קומט אַריין).

שפּרינצע. אַ, ר׳ פייבוש, ווי איהר אַרבייט, נעבעך, און זיך אַזוי מטריח!

פייבוש. עט... נישקשה, מילא?... הלוואי אויף שמחות איינער צום אַנדערען!

שפּרינצע. אָמן, רבונו של עולם,—פּאַרט אַ אַלטער גוטער פריינד... עפּיס רופט אייך רייזעלע.

פייבוש. תיכף, איך וועל נאָר גוט שטעלען דעם טיש, (דרעהט זיך אַהין, אַהער טאַפּענדיג זיך בײַ די פּאָלעס בשעת מענדיל אַרבייט זײַן זאַך) גו, געפּטר׳ט, ברוך השם, נאָך אַ שווערע מלאכה. דער טיש שטעהט בײַ מיר אייזענפעסט. (ער גערט אַרויס און באַלד דערויף קומט דעם רבי׳ס שמש אַריין).

דער שמש. צו ר׳ שמחה׳לען! וואו איז ר׳ שמחה׳לע?

שפּרינצע. גיכער, מענדיל, גייה שיק אַריין דעם בעל הבית! (מענדיל געהט).

דער שמש (קרימענדיג זיך) מע... יחוד מיט אַ נקבה (ער קריכט אַרויף זיך אויבענאָן, קעהרט זיך אום צו שפּרינצען מיט דעם רוקען און מיט דעם פּנים צום פענסטער).

שמחה (אַריינקומענדיג) וואָס ווילט איהר, שמש, זאָגען עפּיס גוטס?

דער שמש (קעהרט זיך אום און נעהמט פונ׳ם בוזעם אַרויס אַ פּעקעט) נאַט, ר׳ שמחה׳לע! דער רבי שיקט אייך אָט דאָס און געלאָזט שעֶן בעטען, מוחל צו זײַן פון זיך שוין אַ ידיעה געבען ווען מען, בעדאַרף האָט געלאָזט זאָגען אַזוי דער רבי. (שמחה רוקט דעם שמש אין דער האַנד אַריין אַ מטבע, ער בעטאַפּט זי מיט דער האַנד און געהט).

# אכטע סצענע

שמחה, שפרינצע, דערנאך פייבוש מיט
ר׳ יוחנצען און די נגידים

שמחה (נעהמט, זעצענדיג זיך, ארויס פונ׳ם פאקעט א בריעף, און ווערענדיג קוקט מאכענדיג מיט די אקסלען) דאס איז עפּיס גאר צו רייזעלען א בריעף.

שפרינצע (א חאפּ געבענדיג זיך) אוודאי פון אלכסנדר׳ן! געלויבט איז גאט, איך לויף אנזאגען רייזעלען! (זיך האפּענדיג באלד צוריק) זאג נאר גיכער, איז ער געזונד? — גיכער!

שמחה. שא, אהן רעש! וואס איז דא אויף דיר אזא פרייד? אי, שפרינצע, שפרינצע, האסט־דו מיר געקויפט מפטיר!...

שפרינצע. געווג גערעדט. מען האט שוין געהערט! אצינד קומט איהם אוים צו דרשהנען בשעת איך חלש הערען א ווארט. אט לייען, לייען בעסער.

שמחה, אי, שפרינצע, דו זאלסט וויסען מיינע ביטערע... נאר לאמיך בעסער שווייגען. (ער גיט א מאך מיט דער האנד און לייענט איבער־היפּענדיג): „אצינד, מיין רייזעלע, איז האלבע נאכט... מיט געוועהר אין די הענט שלאפט איצט די קאמאנדע אויסצורוהען אביסעל נאך אזוי פיעל טעג מיה... קוילען זענען געפלויגען... אין דונערען און בליצען פון פייער־שפּייענדיגע הארמאטעס האט דער מלאך־המות... שוועבענדיג אויף פליהענדיגע באמבעס געקיילעט... מארגען געהט די גרויסע מלחמה פאר שיפּקע! און נישט איינעם נאר פון די דאזיגע שלאפענדיגע אצינד וועט מארגען... רייזעלע! איך רעד איצט אין דעם דאזיגען בריעף מיט דיר, אין דער האפנונג, אז ווען די קויל טרעפט מיך, וועט ער דיר דערצעהלען ווי שטארק ליעב״. — מילא נו, עס געהער נישט צום ענין. — „אין די לעצטע מינוטען פון מיין לעבען האב איך געדענקט נאר פון דיר...“

שפרינצע (ווישט די אויגען) רייזעלע וועט, נעבעך, צוגעהן הער־רענדיג. אבי גאט האט איהם ביז אהער אויסגעהיט... נו, ווייטער, שמחה! וואס שרייבט ער ווייטער.

שמחה. ווייטער איז שוין זייערע זאכענישען. נארישקייטען... צו דיר איז אויך דא א גערוס נאר פריינדליך. פרעה זיך, מאמע!

(ער נעהמט נאָך א בריעף פּנים פּאַקעט און בשעת מעשה פּאַלט פון דאָרט ארויס א פּאָטאָגראַפיש בילד).

שפרינצע. האַ, רייזעלע'ס בילד... שמחה, דו ביסט בלייך, וועה איז מיר! לייען נאָר הויך, וואָס לייענט ער עס עפּיס שטיל פאַר זיך!

שמחה. בערוהיג דיך, שפרינצע! האָב נאָר אַביסעל צייט!

שפרינצע. שמחה, לייען!... לייען, וואָרום אָט חלש איך אויפ'ן אָרט.

שמחה. איך לייען, נאָר שאַ, למען־השם, שאַ! — דאָס שרייבט דער רישטשוקער רב פון בולגאַריע צו אונזער'ן, אזוי: „איך שבא, געקומען לקהילתנו א זעלנער מאחינו בני ישראל, א יונגער מאַן און רחמנא ליצלן חרב געוואָרען, היהודים פון מיין קהילה רחמנים בני רחמנים האָבען איהם אריינגענומען אין ביקור חולים, ושם איז ער געלעגען, לא עליכם אין א היציגער חולאת אָהן לשון און מטושטש...“

שפרינצע (נישט מיט איהר קול) דאָס גוטע בריוועלע, וועה מיינע יאָהרען! — ווייטער, שמחה, לייען, ביז דעם סוף.

שמחה. אָבער איך בעט דיך, שפּריצעניו, שאַ!... (ער לייענט און שטאמעלט) „ואחר פטי־טירתו האָט מען געפונען אצלו בריעף, פון וועלכע מען זעהט בחוש, אַז ער איז מבני קהילתכם, האָט דאָרט פאָטער און מוטער וגם א כלה, וואָס איהר בילד איז רצוף בזה, לכן טהו איך הכל, וואָס אויף מיר איז מוטל און שיק לכבודו אַלסדינג אַריין, בכדי כבודו זאָל מצדו א ידיעה געבען לקרוביו און וויסען איך להתנהג“...

שפרינצע (ברעכט די הענט) אשלאַק האָט מיך געטראָפען! רייזעלע! — פערשפּילט אזא טייערע נשמה! שמחה, אוי, נישט גוט!...

שמחה (האַפּט ארום שפרינצען) שפרינצע, א שפּריצעניו, לאָז דיך נישט אָב! אין שטוב, ווילסטו זאָל ווערען א צוגויפלויפעניש און רייזעלע זאָל זיך דערוויסען פּלוצלים?

שפרינצע. אוי, איך וועל מיך אַיינהאַלטען, זיך ווערגען, שטיקען אין מיר!... (זי חליפּעט און געהט גיך ארויס).

שמחה (מיט א זיפץ) ברוך דיין אמת!... גאָטעניו דרעהט זיין וועלטיל, ווי פייבוש זאָגט. (פערטראַכט) אוי, דרעהט פייבוש זיין וועלטיל! און קלאָמפּערשט אַלץ ווי גאָט זאָגט... (ער וויל געהן און בעגעגענט זיך נעבען דער טיר מיט ר' יוחנצען און פייבוש'ן) אַ, ברוך הבא, ר' יוחנצע! דער ערשטער און דער בעסטער. — זיצט, זייט מוחל, איך וועל נאָר אויף א ווייל אַרויסגעהן. עפּיס קרימט זיך מיין ווייב און איז, לא עליכם, אַביסעל לא־עליכם־דיג. (ער געהט).

פייבוש: אי, וואָס פאַר אַ פאַנטאָפּעל-מאַן דער שמחה איז, דאָס ווייב, אַ געלעכטער, כ'לעבען, האָט ביי איהם אַ דעה...

ר' יוחנצע: ביי אַלע עמי-הארצים איז דאָס ווייב אַ גאַנצע חשובה... שמחה, דער עם הארץ, זאָגט איהר, קוויינקעלט זיך נאָך, — ווער איז ער און ווער — איך? (ער מאַכט אַ קולאַק) אָט דאָ ליגט ער ביי מיר! וויל איך, ווערט מאָרגען פון איהם תל. פאַרשטעהט איהר?

פייבוש: דאָס טאַקי, מיין איך, זאָלט איהר איהם הייגט דאָ גוט אָנצוהערעניש געבען, אַז ער זאָל פיהלען און צאַפּלען צו טאָן. אויף דער אסיפה בעדאַרפט איהר זיין אַהין—נישט אַהער, אַהער—נישט אַהין, עפּיס מיט אַ דריידיל, פאַרשטעהט איהר?.. (אונטערוואַרעמענדיג ר' יוחנצען) ר' חאַסקעלע אייערער וועט אין אַ שמאַלץ-גרוב זיך אַריינחאַפּען און אויסגלייכען די ביינער נאָך אַזוי פיעל דחקות, נעבעך, שפּרינצע איז אַ וואוילע בעל-הביתטע. אַ שטוב איז ביי איהר פון אַלעם גוטען און איהרע וואַרעניקעס שמ'עז די וועלט... ר' חאַסקעלע, נישקשה, וועט האָבען גוטע קעסט! (שמחה קומט אַריין און נעהמט זיך אַנצינדען ליכט אין זילבערנע לייכטער. פייבוש האַפּט זיך העלפען און ווארפט אַראָב אַ לייכטער. באַלד דערויף קומען אָן די נגידים).

שמחה (לויפענדיג זיי אַקעגען): אַ, ברוך-הבא. ר' שמעלקע! ברוך-הבא, ר' טודריסיל! ר' העניך, ר' סענדעריל, ר' לייבעלע! ברוכים הבאים, ברוכים הבאים!

---

## יינטע סצענע.

די נגידים, ר' יוחנצע און שמחה זיצען אַרום טיש
פייבוש דרעהט זיך אַרום ווי ער איז שטאַרק בעשעפטיגט,
וואַרפט זיך אין אַלע זייטען און טהוט לחלוטין גאָרנישט

ר' סענדעריל: הבה נתחכמה, רבותי! וואָס טהוט מען מיט די עזות-פּנימער.

די נגידים (אַלע אין איין קול און איטליכער רעדט זיינס): מען קען

נישט אראָבלאָזען! — מיר קומט אויף דער באָד!! — צוויי שוחטים בייע מוז מען צונעהמען! — פאַרקערט, מען מעג נאָך דעם מקח, נישקשה, אַרויפציהען! —. וואָס מיר עולם? ווען מיר עולם!—נאַרישע זאַכען, כ׳לעבען! — פישש!—לאָזט זיך דינען! — וואָס טויג מיר דאָ המצאות! — צוויי קאָפּיקעס איז, כ׳לעבען, ביושר! — פאָלגט מיך! — ניין, ניין — פאַרקעהרט, אדרבה, דריי.

שמחה: בעטראַכט, רבותי, מיין לאַגע. דערוייל לייד איך און אינגאַנצען לאָזט זיך עס אויס צו מיין קאָפּ.

די נגידים: איז אייך שלעכט, זאָגט זשע זיך אָב.

שמחה: חאָטש מאָרגענדיגען טאָג! בעפרייט מיר נאָר מיין זאָלאָג. (צו ר׳ יוחנצען) ר׳ יוחנצע, איהר פאַרשטעהט דאָך יאָ אַ עסק, בעטראַכט אדרבא די זאַך אַרום און אַרום און זאָגט, איך בעט אייך

ר׳ יוחנצע (קנייטשט זיך): בע... אַ שווערע הלכה...

שמחה: מיר איז שלעכט פון אַלע זייטען. עס קומט דאָך מיר אויס בדלות צו ווערען. — איך לאָז אייך דאָ איבער, איהר זאָלט אייך גוט מיישב זיין (ער גפהט ארויס).

ר׳ שמעלקע: נישקשה, לאָז ער זיך טאַקי אָבזאָגען, וועלען זיין, פאַרשטעהט איהר מיך, פּאָפּעטשיטעלעס. ווי מיינט איהר, ר׳ יוחנ׳צע?

ר׳ יוחנצע (נעהמענדיג זיך ביים בערדעל): בע... שמיעסט מען אין תּוך אַריין, זייט איהר פּאָפּעטשיטעלעס זעהר, זעהר, גוטע. מהיכא תיתי... נאָר לאָמיר שמיעסען פאַרקעהרט, איז דאָך די קשיא גאָר פון אויבען אויף: זאָלט עס אַנדערש זיין אַזוי... ווי זשע ווערט מען פּטור שמחה׳ן! אלא וואָס דען וועט איהר ענטפערען: עולם, — לאָז דער עולם טאַקי שרייען גוואַלד, וועט ער שוין מוזען... פאַרשטעהט איהר מיך, בלייבט דאָך צוריק די קשיא: ווי איז דער דין, אַז ער ווערט אַ כּופר בעיקר, דאָס הייסט, ער זאָגט דער שטאָדט, איהר פאַרשטעהט דאָך ווען איך מיין, גאָר גראָב: געשמייע אייך פאַר פול, וואָס פאַר אַ מחותּנים זייט איהר מיט דער טאַקסע? — איז דאָך טאַקי נישט קיין גוטער משא ומתן... נישטמעהר, מען בעדאַרף ז׳ך גוט מיישב זיין, מיר וועלען זעהן (צווישען די נגידים ווערט אַ געזשוזשער׳ל. פייבוש געהט צו פאמעליך צו ר׳ יוחנצען, רוימט איהם איין אין אויער און געהען ביידע צו דער טיר).

פייבוש: שמחה רופט אייך אויף אַ וואָרט. זעהט זשע, ר׳ יוחנצע

אַצינד איז די רעכטע צייט. ווייזט איהם דאָרט דאָס בייטשעל און גיט איהם אַ קוועטש, וועט ער זיך אָנכאַפּען מיט הענט און פיס. — לאָז ר׳ חאַסקיל זיך אַריינכאַפּען אין אַ שמאַלץ-גרוב. (ר׳ יוחנצע געהט ארויס).

ר׳ טודרוסיל (אָבפּיה־ענדיג ר׳ שמעלקען פונ׳ם טיש אין דער זייט): באַם עס וועט בלייבען פּאַפּעטשיטעלעס, בעט איך אייך אין זינען צוהאָבען, מיך אויך אין דעם צעטעל אַריינצושטעלען. (זיי געהען צוריק צום טיש).

ר׳ סענדעריל (אָבפּיהרענדיג ר׳ לייבעלען אין דער זייט): פאַרגעסט נאָר נישט, איך בעט אייך, אז איך בין שוין אַמאָל אויך געווען פּאַ־פּעטשיטעל און בין דער שטאָדט שטאַרק צוניץ געקומען. מיין גאַנץ לעבען אַרבּייט איך אַלץ לטובת הכלל, לטובת הכלל... (זיי געהען צוריק צום טיש, שמחה און ר׳ יוחנצע קומען אריין, פייבוש געהט צו זיי נאָהענט צו).

שמחה: לאָז עס נאָר בלייבען בסוד, ר׳ יוחנצע ביז איך וועל פאַרטיג ווערען מיט מיין ווייב, אונזער תקיעת כף איז הייליג.

פייבוש: מזל טוב. ר׳ יוחנצע!... איהר האָטביידע, כ׳לעבען, געטראָפען. אַזעלכע צוויי לייטישע מחותנים! (ר׳ יוחנצע ווינקט צו שמחה׳ן. שמחה געהט ארויס און ער געהט און זעצט זיך בּיים טיש).

ר׳ יוחנצע: מסתמא בין איך גערעכט! איך האָב אַ טאַפּ געטאָן דאָרט שמחה׳ן און זעה אַרויס, ווי באַלד מען ציהט איבער דעם בויגען, איז ער מוכן ומזומן אייך ענטפערן קוממיות...

די נגדים (אין איין קול): אַזוי... ער וויל געהן אַ קעגען אַ שטאָדט.

ר׳ יוחנצע: שטאָדט, זאָגט ער, הייסט ביי מיר דער עולם, נישט עטליכע נגידים...

ר׳ סענדעריל (קנייטשט דעם שטערען): ווי באַלד אַזוי... נישט איבערציהען... מוז מען אַצינד, פאַרשטעהט איהר? שוין זעהן עפּיס אַ מיטעל, ווי דעם עולם לעת עתה איינצונעהמען. און אַ סגולה צום עולם קען נאָר געבען איין ר׳ יוחנצע.

ר׳ יוחנצע (דרעהענדיג דאָס בּערדיל): מיין זיידע, זכותו יגן עלינו, פלעגט אַלץ מאַכען, געדענק איך, כהאי לישנא: בע... עולם—גולם.— צוקייעט מען די דאָזיגע הייליגע ווערטער, פיהלט מען, ווי זיס זיי זענען. ר׳ ליב שרה׳ס גולם, אַ שטייגער, איז געגאַנגען, געטאָן זיינע שליחות. האָט ער זשע דען געוואוסט, וואָס ער טהוט? ניין, אין איהם

האָט געאַרבייט דעם שם המפורש. קוים אַוועקגעהמענדיג דער שם המפורש, איז ער געבליבען ליגען ווי אַ שטיק ליים. — דער עולם פאַרשטעהט איהר מיך, איז אין תוך אַריין אַ לייםענער, אָנגעמאָלטער גולם. ער שרייעט, פילדערט און פרעגט איהם בחרם וואָס ... אין איהם אַרבייט עפים אַ שד, לצים אַזוינע, נפשות, וואָס דרודלען איהם אָן. ס'איז נאָר אַ האָקוס-פּאָקוס. מען בעדאַרף, פאַרשטעהט איהר, די עטליכע לצים אַוועקנעהמען, ווערט שאַ. און צו יענע לצים איז דאָ אַ שפּרוך, גוטע באַבסקע מיטעל — ממתקים מיין איך.

די נגידים. אָ, דרינען מוז מען זיך שוין ווענדען טאַקי צו שמהה'ן. נעהמט, ר' יוחנצע, ביי איהם על חשבון. נישקשה...

פייבוש (צוגעהענדיג צו די נגידים) דער בעל הבית בעט דעם עולם אַריינגעהן אין אַנדערען חדר. מען בעדאַרף דאָ גרייטען צו [illegible] (ואַרונ געהען אין צווייטען חדר).

## צעהנטע סצענע.

פייבוש, דוואָסיע און מענדיל

דוואָסיע (גרייט צום טיש) מיט איהם איז גוט די הענט זיך צו-צופיהרען! וואו איז דער ימח-שמוניק ערגיץ מיט די טעלער?

פייבוש (דרעהענדיג זיך ארום דוואָסיען) מיט איהם וואָלסט דו דאָך געוואוסט פון אַ לעבען צו זאָגען. דאָס טעלעריל פונ'ם הימעל וואָלט ער דיר אַראָבגענומען.

מענדיל (אַנקומענדיג אויף די רעד. מיט טעלער) און צוגעטראָגען דיר דוואָסעניו, פון פייגעלמילך.

פייבוש (אנגיסענדיג א כוס) בראָנפען וויל איך אַליין נעהמען און לעקעך צום פערבייסען ווייסט דו, דוואָסיע, שוין געבען (ער טרינקט); הער נאָר אַ מעשה, מענדיל האָט נאָר אַליין נישט געוואוסט. אז ער

האָט אַ פעטער אין ארץ ישראל, — (צו דוואסיען) ער איז דאָך פונ׳ם צימעס, הוילע יחוס. בעסערס דערפון האָט דיין טאַטע, ר׳ כתריאל, זיך נישט געקענט גאָר ווינשען (מיט אַ זיפץ מלא חניפה) אָט דאָס איז געווען אַ יוד, אַזוינע יודען זענען היינט גאָר נישטאָ. אַי, האָט ער, עליו השלום, מיך ליב געהאַט (טאַבענדיג מיט דער האַנד ניט ער אַ שטוס דעם טע).

מענדיל. עפּיס גאָר אַ נייער רוק, ר׳ פייבוש, פּאַפּערעק אוש קיין ארץ ישראל...

פייבוש. וואָס דיר דאַכט זיך פּאַפּערעק, איז דווקא גלייך. אָט וועסט דו זעהן, מענדיל, ווי דוואַסיע גיט מיר היינט פערבייסען לעקיך.

דוואַסיע. היינט איז שווערליך. פערבייסט דערווייל מיט דער צונג. (שמחה מיט די נגידים קומען אריין).

—

# עלפטע סצענע.

אַלע זיצען אַרום טיש און עסען. דוואַסיע טראָגט אַריין. מענדיל נעהמט צו בייַ איהר און דערלאַנגט צום טיש. פייבוש דרעהט זיך אַהין-אַהער, גלייך ווי ער פּאַרוועט. מהוט אוין טרונק בראַנפען נאָכ׳ן אַנדערען און האַפּט ביים ווענ געהענדיג פון אַ פּאַלומעשעק.

ר׳ יוחנצע (האַלטענדיג אַ כוס אין דער האַנד מיט פערגלאָצטע אויגען) לחיים! פּשוט טאַקי... טיי-טע-טע-טיי לחיים! (ער זיפצט גיט אַ זופּ און טרינקט דערנאָך מיט אַ מאָל אוים דעם כוס)

די נגידים (זיפצענדיג) לחיים, אוי-אוי-אוי, טאַטע-פּאָטער!

פייבוש (פּאַלענדיג פון די פיס, שלאָגט זיך אָן מיט מענדלען) נישקשה, מענדיל, פאַל ביי זיך נישט אַראָב, עס וועט געהן!...

**מענדיל.** עפּיס גנעהט עס היינט ביי אייך אַלץ באַלכסון און פּלאָנטעט זיך פאַר די פיס טאַקי ניין אײלען, פּייבוש.

**פּייבוש** (צולויפענדיג מיט אימפּעט צום טיש אויף א קול לעבעדיג, ווי א מאַרשאַלעק) דער בעל־שמחה בעט דעם עולם קיין פאַראיבעל נישט צו האָבען. אויף דער טאָכטערס חתונה, אם ירצה השם, וועט ער פאַרבעסערן!

(פּלוצלים לויפען אריין הענדום־פּענדום פּורים־שפּילער. אַהשורוש אין אַ מאַנטעל פון איין אַלטען פּרוכת, אויפ'ן קאָפּ אַ מין היטעל פון געל פּאַפּיר מיט פלוטערלעך. „ושתי המלכה“ מיט אַ סימן פון אַ בערדיל, אין אַ קורץ שמוציג קליידעל, פון וועלכען עס קוקען אַרויס גרויסע, גראָבע שטיוועל. אַרום דעם האַלז אַ שאַל, צוגעבונדען מיט די עקען הינטען אויף דער פּליצע. אויפ'ן קאָפּ אַ אָבגעבאַרעט שטרויען קאַפּעלישעל. — „מרדכי“. אין אַ קאַפּטאַן, אויפ'ן קאָפּ אַ מין שטריימעל מיט אַ לאַנגער באָרד פון קליאָטשע. גנעהט רײטענדיג אויף אַ הילצערן פערדיל, בעהאַנגען מיט גלעקלעך. — „המן“. אין אַ סאָלדאַטסקען שינעל. אויפ'ן קאָפּ אַ דרייעקעכדיגער קראָפּ פון צוקער־פּאַפּיר. — דער לעקער־לויפער אין שיך און זאָקען. די פּאָלעם פאַרבויגען. אויפ'ן קאָפּ אַ הויך פּאַפּירען היטעל. אַ כלי־זמריל סקריפּעט אויף אַ פידעלע און איינער גנעהט מיט די טאַצען. — דוואָסיע און מענדיל שטעהען נעבען דער טיר און קייכען פאַר געלעכטער).

**מרדכי** (יאָגט זיך ארום רײטענדיג, שאָקעלט מיט דעם בערדיל. די גלעקלעך קלינגען).

פליהון אויף די אַחשתּרנים טהו איך טהון;
אין אַ פורפעלוואָלענע זיפּצע טהו איך זיין אָנגעטהון
טהו איך, טהו איך, טהו איך טהון
אַ שפּרונג, אַ שפּרונג אויבענאָן.

**מענדיל** (צו דוואסיען) אויף דער אויבערשטער באַנק אין באָד! דאָס איז בעריל דער שמייסער!

**דוואָסיע** (קייכענדיג פאַר געלעכטער) מיינע צרות אויף איהר, אויף ושתי המלכה! דאָס איז לייזער דער בעהעלפער!

**דער לעקערלויפער** (שטעלט זיך אין דער מיט שטוב און גיט א מאַך מיט דער האַנד אַרום זיך)

דאָס איז אַ וויינגאָרטען!

**אחשורוש** (טהוט א מאַך מיט דער האַנד פון זיך)

אָ, דו לעקערלויפערליין!
לויפען זאָלסט דו צו ושתין,
נאָקוט לאָז זי אויפטרעטיין,
לאָזען די האַרען קוקיין,
ווי ענטפלעקט טהוט זי זיין שען.
טראַלעליי, טראַלעליי, טראַלעליי!
איינס און צוויי און דריי.

דער לעקערלויפער (צולויפענדיג צו ושתי׳ן).

איך טהו מיט מיינע גילדענע פיסעליך טהון
אין דיין שפאַצירגערטענדיל אריינטרייטון.
לאָז מיך, אָ ושתי! דערציילון.
דער מלך טהוט טהון בעפיילון:
נאָקוט זאָלסטו זיך טהון צוגרייטון,
נאָקוט און הויל פאַר איהם טרייטון.
טרייטון, טרייטון, טרייטון.

ושתי (אויף א קוויטשיג קולכען)

נאָקוט טהו איך מיך שעהמון,
מיין שיין קלאָר לייב בלויז צייגון,
א ליילוך טהו איך טהון נעהמון
און צומאַכון די אויגון

(וואַרפט אראָב די שאַל, אויסטוהענדיג דאָס קאפּעלישעל, טאָפּט זיך אָן עפּיס אויפ׳ן שטערן און ניט זיך א האפּ מיט כעס).

האָס טהוט שפּראָצען מיר אויפ׳ן שטערן
עפּיס ווי א לאַנגער האָרון?
אָ, לעקערלויפער, ניקס בשום אופן!
זאָלסט מיט דיינע פיסעליך לויפון.
ווער איז ער? טהו איהם זאָגון,
אז איך ושתי זאָל איהם טהון פאָלגון!
א שטאַלמייסטער האָט ער געטראָגן
טהון זיין א מאָל ביי מיין טאַטון.

זאָל ער נישט טהון פאַרגעסון.
אַז איך בין אַ פרינצעסון.

דער לעקערלויפער

איך טהו טהון אַ טרייטון!
טרייטון, טרייטון, טרייטון!

המן און דער לעקערלויפער (קומען און שלעפען ושתי'ן).

געהאַנגען זאָלסט דו, ושתי, ווערון,
פאַר וואָס דו טהוסט נישט הערון!

ושתי (וויינט אויף א קוויטש)

וועה אויף מיינע יאָהריין
נאָך אַזוי יונג און שען!

(אין דעם עולם איז א גרויס געלעכטער: א שענע ושתי לייזער דער בעהעלפער!)

המן.

דער יודע מאָנדרוש, טהו איך קוקען,
וויל פאַר מיר נישט זיך טהון בוקען. (צו אחשורוש'ן)
די שפּיץ־יודען טהוען אונז בייסון
און טהוען נישט הערען דיין הערונג.
בעפייל: לאָז מען טהון זיי צערייסון
צערייסון אַזוי ווי אַ הערונג.

מרדכי (לויפט צו מיט אימפעט)

דו המן טהוסט אויסטראַכטען ליגון,
ליגון, מסירות אויף יודענס קינדער.
אין דער ערד וועסט דו טהון ליגון,
און אונז וועט גאָט טהון וואונדער.
פליהון אויף די אַחשתּרנים טהו איך טהון,
טהו אין אַ פורפעלוואָלענע זיפצע זיין אָנגעטהון.
טהו איך, טהו איך, טהו איך טהון
אַ שפּרונג, אַ שפּרונג אויבענאָן!

(אויסשטרעקענדיג די האַנד צום עולם)

היינט אין פורים און מאָרגען איז אוים,<br>
גיט מיר אַ גראָשען און שטופּט מיך אַר׳ים!

(שמחה גיט די פורים־שפּילער געלד און צוי גלעזלעך ווײַן. זיי טרינקען און לויפען דערנאָך ארויס).

די נגידים (אויפהייבענדיג זיך פונים טיש) אונז איז שוין אויך צייט, הייסט עס, די אַסיפה איז געענדיגט.

פּײַבוש (מיט א געלעכטער פון א שכור) געענדיגט מיט א פורים־שפּיל, אַ קאָמעדיע!...

אַ ראַטשע אין אַ סאָסנאָווע וועלדיל. פאָרענט-צו שטעהט אַ וויים שטיבעל מיט געלע פריזבעס און צווישען בוימער אַקעגען — בײנק פון גראָז, אַרום און אַרום שטוב ציהט זיך אַ פּלייט פון איבערגעלעגטע לאַנגע דרענגלעך, וואָס אילט-איבער דעם וואַלד.

---

# ערשטע סצענע.

סיעף אין וואַלד ברענט אַ פייעריל. קינדער קלעטערען און יאָגען זיך אַרום מיט פיילענבויגענס. עס הערט זיך אַ רעש, אַ געשריי, אַ געשוווישטשערײ. מענדיל און דוואָסיע ווייזען זיך פונ'ם וואַלד און קריכען אַריבער דעם פּלויט.

מ ע נ ד י ל. איך זאָל האָבען אַזוי פיעל הונדערטער, וויפיעל חתונות היינט, אין ל"ג בעומר, ווערען ביי אַלע יודישע קינדער אָבגעמאַכט, וואָלט איך רייכער געווען פון גינצבורגען.

ד וו אָ ס י ע. ער זאָל דאָס חאָטש זאָגען: אָהן עין הרע!... וואָס צעהלסט דו עס אַזוי יודישע חתונות? לאָזען יודישע קינדער זיך פרוכפערן און מעהרען.

מ ע נ ד י ל. אויף יענעם איז זי אַ וותרנ'טע! און ביי אונז אין דען נישט קיין יודישע נשמה?... טאָמער, דוואָסעניו, וואָלט אַ סבראַ

געווען, מיר זאָלען היינט, אויף ציקאַוועשטש, בשעת יריד פון תתוטת, אָבשטעלען אַ חופּה. האַ?

דוואָסיע. קוקט איהם נאָר אָן, ווי ער האָט נישט קיין צייט נישקשה, ביסט נישט קליין צו וואַרטען.

מענדיל. צו וואָס וואַרטען און אויף וועמען וואַרטען? איך מיט דיר זענען מיר אי חתן-כלה, אי פון ביידע זייטען די מחותנים. אונזער נדן איז דאָ, אין די צעהן פינגער. און די דרשה קען איך, ברוך השם, גוט ווי אַלע חתנים.

דוואָסיע. גענוג געדרשה'נט. איך קען שוין דיינע דרשות, דו לץ איינער!

מענדיל. חאָטש איין קליין דרשה'לע נאָך. אַ צוויי, דריי קיש, דוואָסעניו! (ער נעהמט זי ארום און קושט).

דוואָסיע. ווי האָט מען עס נישט קיין בושה! אין מיטען העלען טאָג. דאָרט זיצען מענשען.

מענדיל. נישקשה, ס'איז פאַר זיי נישט קיין סוד. ווייסען אויך דעם פירוש דערפון. און איבריגענס זענען אַלע דאָרט ערשט זיך צוגאַנגען. (ער שטעלט אונטער דוואסיען זיין באַק) נאַ, גיב אָב צוריק!

דוואָסיע. אָ ניין! וועסט אַזעלכעס ביי מיר בשום אופן נישט פּועל'ן. (זי קוקט זיך ארום און דערלאנגט איהם א קוש). נאַ דיר שוין, נאַ און לאָז מיך צורוה!

מענדיל. אַצינד, דוואָסעניו, מוזט דו זיבען מאָל! נישט אַנ-דערש ווי זיבען מאָל.

דוואָסיע. דאָס, זעהסט דו, אויף קיין אופן נישט... (זי קוקט זיך ווייטער ארום און שפּרינגט אָב אין דער זייט). בראָש האָט ער זיך צוהיצט און האָט היינט עפּיס קיין אויגען נישט! גענוג זיך געשפּילט, רייזעלע געהט דאָרט! — איך וועל צו-געהן צו רייזעלען, טאָמער בעדאַרף זי עפּיס האָבען. דאָס האַרץ פּאַלט מיר אַרוים קוקענדיג ווי זי האָט זיך פאַרענדערט און וואָס פאַר אַ פּנים זי האָט, נעבעך, בעקומען נאָך דער וויסטער בשורה פון איהר חתנ'ס טויט. הלואי די דאַטשע זאָל איהר העלפען! עפּיס האָב איך זי ליעב, אַזוי ליעב... זי שטעהט מיר דאָ אין האַרצען. (זי ווישט מיטן פאַרטוך די אויגען).

מענדיל. אַ רחמנות, נעבעך!... גיכער, דוואָסיע, געה גיכער צו איהר! (מענדיל און דוואסיע צוגעהען זיך).

---

## צווייטע סצענע.

ר ײ ז ע ל ע אין א סיטצען קלייד און א ווייסע באטיסטענע קאפטעלע. צוויי לאנגע צעפ הענגען איהר אראב אויף די פלייצעס. זי איז בלייך און געהט פאמעליך, שטארק פערטראכט. — ד װ אָ ס י ע געהט איהר נאך.

ד ו אָ ס י ע (צוקומענדיג צו א באנק צווישען בוימער): אָ, דאָ, רייזעלע, איז גוט זיך אויסצורוהען! עס קען צוקומען א שטיק געזונט, נו?

ר ײ ז ע ל ע: טהו וואָס דו ווילסט, מיר איז אלץ איינס.

ד ו אָ ס י ע (נעהמט נישט ווייט פון דאנען א קאָלדרע און א קישעלע און בעט אויס אויף דער ערד) גאָר אנטיק! גרינע גראָז, קרייטעכצער, בוימער, וואלדפייגעלעך... מחיה, לעבעדיג, פרעהליך!

ר ײ ז ע ל ע (זעצענדיג זיך): וועמען, הא? — דיר, דוואָסיע?

ד ו אָ ס י ע: א הונט זאָל א לעק טאָן מיין הארץ, וואָלט ער, דאכט זיך, א מיתה-משונה איינגענומען אויפ'ן אָרט, אי, האָב איך א הארץ! איך בין, נעבעך, עלענט, א וויסטע יתומה...

ר ײ ז ע ל ע: גאָר פלוצלים!..

ד ו אָ ס י ע: ערשט היינט טאקי האָב איך עס דערפיהלט. אָהן א טאטע, אָהן א מאמע, וועה איז מיר, געה אליין ווער א כלה!.. אוי וועה...

רייזעלע (פערטראכט): וואָס איז?!

ד ו אָ ס י ע: גאָרנישט, גלאט אזוי... איהר דרעמעלט, לאָמיך אייך נישט שטערען. אביסעל פרישע מילך וואָלט אצינד זעהר גוט געווען. א דערקוויקעניש. נו, זאָל איך?

ר ײ ז ע ל ע: טהו, דוואָסיע, וואָס דו ווילסט! (זי טהוט א מאך מיט דער האנד און נורעט זיך איין מיט'ן קאָפ אין קישען).

ד ו אָ ס י ע (רוקט זיך אב אויף עטליכע טריט ווייטער און שאָקעלט מיט דעם קאָפ). אָט האָסטו דיר! שוין יאָ טאטע און מאמע, אז ס'איז אבער נישטאָ קיין מזל!..

---

# דריטע סצענע.

שמחה, שפּרינצע און ריזעלע.

(שמחה און שפּרינצע קומען־צו נאָהענט, וואו ריזעלע ליגט).

שמחה (אויסלאָזענדיג א שמועס): היינט פאַרשטעהסט דו שוין, שפּרינצע? שריי חי וקים, מוז אזוי זיין.

שפּרינצע (ווינקענדיג צו שמחה'ן): שאַ! דאָס קינד ליגט דאָ און שלאָפט. לאָז זי, נעבעך, אביסעל זיך אויסרוהען.

שמחה (שטילער און שטארק אויפגעבראַכט): אַ הארצוועהטיג, בנאמנות, ווי דו ווילסט מיך נישט פאַרשטעהן! דו מוזט, זאָג איך דיר, שפּרינצע, מיט איהר רעדען, היינט מיט איהר רעדען.

שפּרינצע: אַ קאַטאָוועס אביסעל אזא מציאה! אז נישט היינט, קען, חלילה, די וועלט אונטערגעהן!

שמחה: די וועלט ווי די וועלט, מיר קענען דערווייל טאַקי אונטערגעהן. (ארויפלעגענדיג אַ פינגער אויפ'ן האלז) איך בין פאַרבאָדען אָט ביז דאַנען. אויף חאַסקילען שטעהט אצינד די וועלט!..

שפּרינצע (געהט פּאַמעליך צו נעהענטער צו ריזעלען, בייגט זיך איבער איהר אַ ביסעל אָן און טרעט באַלד צוריק): בידנע קינד! ליגט ווי אַ שטילע טויב, פאַרלעגט מיט'ן קעפּעלע און שלאָפט. — מעגליך, איהר חלומט זיך אצינד אַ גוטער חלום און דענקט גאָר נישט, אז די מאַמע, איהר אייגענע מאַמע, שטעהט נעבען איהר, ווי אַ קאַץ, מיט דער מחשבה אריינצושטעקען אין איהר הארץ די נעגעל און פאַרדרעהען איהר דעם קאָפּ... איהר איצטיג שלאָפען, ווי אזוי זי ליגט זיך דאָ איינגענורעט, רייסט מיר אויס די נשמה. זי זאָל זיך אויפחאַפּען, וואָלט געוועזן עפּיס בעסער, גרינגער... (זי ווישט די אויגען).

שמחה: איך פאָהר אין שטאָדט, אַ רגע איז איצט טייער. — שפּרינצע, רעד! (ער געהט געשווינד אוועק).

שפּרינצע (נאָכדעם ווי זי שטעהט אַ רגע שטיל): אַ שרעק! ווי רעדט מען מיט איהר פון אזא זאַך!.. אוי, ליבער גאָט, האָסט מיך געבראַכט צו אַ שווערען נסיון. ניחיי וואָלט זי חאָטש גערעדט, געוויינט, וואָלט

נאָך אַזוי שווער נישט געווען זיך אויסצו׳טענה׳ן מיט איהר. זי אָבער שווייגט, טראָגט איהרע וועהטיגען טיף אין זיך. זי צאַנקט, געהט אוים ווי אַ ליכט. אין איהרע אויגען ליגט עפּיס אַ געבעט. אויף איהר בלייך פּנים — גוטסקייט אָהן אַ ברעג, גלייך ווי איינער רעדט: נאַט, טהוט מיט מיר וואָס איהר ווילט. און געה דערנאָך טהו איהר עפּיס, אַז זי אַליין גיט זיך איבער אין דיינע הענט! מען בעדאַרף האָבען אַ האַרץ פון אַ גזלן. — ניין, אַ גזלן אַפילו לעגט זיך אויך די האַנד נישט צונעהמען אַ מעסער און קיילען, אַז זיין קרבן שטרעקט אַליין דעם האַלז אוים. (ווידער צוגעהענדיג צו רייזעלען) בידנע קינד, שטילע טויב! קאָמאַרען בייסען זי, נעבעך. (זי פּאַכט איבער איהר מיט אַ טיכעל).

רייזעלע (עפענט די אויגען, זעצט זיך אויף און קוקט אן די מוטער) וואָס איז, מאַמע.

שפּרינצע. קאָמאַרען בייסען דיך און דו פיהלסט אַפילו נישט. אַלץ פערטראַכט, פערטראַכט. גענוג שוין, רייזעלע, אַלסדינג איז מיט איין עק. שטיק נישט דיינע צרות אין זיך. וויין, רייזעלע, וויין אוים דיין האַרץ. די טרעהרען וועלען דערוויכען דיין וואונד און עס וועט דיר ווערען גרינגער.

רייזעלע. וואָס זאָל איך טאָן, מאַמע, אַז איך קען נישט וויינען.

שפּרינצע. און אין מיינע צייטען פלעגען ווייבער קענען וויינען... דאָס איינציגע מיטעל פאַר ווייבער, נעבעך, אין שווערע בי-טערע צייטען, איז שטילערהייט אין אַ ווינקעל זיך גוט אויסוויינען. נישט איין מאָל, רייזעלע, האָב איך עס געפּריווט אויף מיר. (זי וויינט).

רייזעלע (ארומנעהמענדיג שפּרינצען). מאַמעניו וויין נישט, איך בעט דיך.

שפּרינצע. איך וויין, רייזעלע, פאַר דיר, פאַר אונז ביידע. מיינע אויגען וועלען מיר נישט טריקענען ביז דו וועסט צו זיך נישט קומען און אָנהויבען אויף דאָס ניי צולעבען.

רייזעלע. נעהם, מאַמע, טהו מיט מיר וואָס דו ווילסט.

שפּרינצע. אַלץ וואָס דו ווילסט, דו ווילסט, ווען דו, רייזעלע, זאָלסט וועלען, וואָלט איך — אַ שרעק, כ׳לעבעו, — וואָלט... איך דיר געזאָגט...

ר ײ ז ע ל ע, נו, מאַמע, זאָג.

ש פ ר י נ צ ע. די וועלט בלייבט אַ וועלט. וואָס די ערד דעקט צו, ווערט פאַרגעסען, נאָך דעם ווינטער קומט תמיד דער ליבער זומער מיט נייע פרישע בלומען... פאַרשטעהסט דו מיך?

ר ײ ז ע ל ע. אָנשטאָט בלומען וואַקסט אַמאָל קראָפּעווע. — נו, מאַמע, זאָג.

ש פ ר י נ צ ע (צומישט). נו זאָג איך — ניין, גענוג פאַר היינט. — זאָג איך... הערסטו, רייזעלע? וואָס מאַכען דיר היינט עפּיס צו מיטאָג?

ר ײ ז ע ל ע (שטאַרק פערטראַכט) וואָס דו ווילסט, מאַמע.

ש פ ר י נ צ ע (געהענדיג מיט א זיפץ) גע רעד, טהו עפּיס, אַז זי אַלץ: וואָס דו ווילסט, דו ווילסט, — בידנע קינד

---

# פערטע סצענע.

ר ײ ז ע ל ע, ז ל מ ן און ז ע ל ד ע.

ז ל מ ן (ווייזט זיך צווישען ביימער און ווינקט מיט דער האַנד) אַהער, זעלדע! זי איז דאָ.

ז ע ל ד ע (צולויפענדיג געשווינד, נעהמט רייזעלען אַרום און קושט זי) סערדצע, קרוין! לאָמיך שטאַרק אָנקושען דיך דאָס לעצטע מאָל.

ר ײ ז ע ל ע. דאָס לעצטע מאָל!...... מיט וואָס האָב איך מיך אַזוי פאַרזינדיגט?

ז ע ל ד ע. (אויף אַ וויינענדיג קול) אומשולדיגע, כשר'ע נשמה! פאַרזינדיגט האָט זיך די וויסטע מאַמע. פאַרלוירען האָב איך מיט אַמאָל אי איהם, איין אויג אין קאָפּ, אי דיך, צוויי קינדער, בריליאַנטען, מיט אַמאָל!

ר ײ ז ע ל ע (קושענדיג זעלדען): רעדט נישט, איך בעט אייך, אזעלכע ווערטער! אייביג וועל איך, ווי אַ קינד, ליעב האָבען דיך. שטאַרק ליעב

האָבען פאַר מיר און פאַר איהם. (קוקענדיג זעלדען אין פּנים) ער האָט געהאַט איינגאַנצען דיין פּנים. צווי טראָפּען וואַסער! (קושט זי ווייטער) זאָג מעהר נישט, מאַמע: דאָס לעצטע מאָל!

זלמן. יאָ, רייזעלע, אָין ברירה, מאַך דאָס לעצטע מאָל! מיר פאָהרען אַוועק אויף אייביג. — גאָט איז מיט דיר, רייזעלע! וואָס ביסט דו געוואָרען אַזוי בלייך?

זעלדע. למאי, זלמן, אַזוי פּלוצלים אַרויסזאָגען! די מאַנסבילען אָבער האָבען אַלע אַזאַ נאַטור. (צו רייזעלען) נו, מיין קינד, וואָס זאָל מען טאָן?

רייזעלע (בלייבט זיצען אַ רגע שטיל) אַך, אַזאַ רים! אַ רים פונ׳ם האַרצען מיט אַלע וואָרצלען. קיין זכר אפילו זאָל נישט איבערבלייבען.... הא, פאַר וואָס אַזוי פּלוצלים?

זלמן. אונז צווינגט די נויט. אַלסדינג האָבען מיר דאָ פאַרלוירען....

זעלדע (וויינענדיג) ביטער איז מיר, גאָטס צאָרען איז אויף אונז אויסגעגאָסען געוואָרען! פול מיט גוטס, מיט נחת פון קינדער בין איך דאָ אַמאָל געזעסען און לעדיג און בלויז ווער איך אַצינד פאַרוואָגעלט ערגיץ אין אַפרעמד לאַנד!

רייזעלע (אַרויספאַלענדיג זעלדען אויפ׳ן האַלז) דיינע ליידען זענען מיינע ליידען. ביסט מיר איינגעבאַקען טיף אין האַרצען!

זעלדע. גאָט זאָל געבען, דו, רייזעלע, זאָלסט געפינען מנוחה און רוה ביי דיין מאַן אין הויז! ניין, טאָכטער, מיר איז ביטער. איך בין אַלט, אָבגעלעבט שוין מיין וועלט. דו אָבער ביסט נאָך יונג, האָסט נאָך אַ האָפנונג גליקליך צו לעבען מיט אַ מאַן און זעהן פאַר זיך אַ וועלט... זיי געזונד, מיין קינד! (זעלדע און רייזעלע קושען זיך).

זלמן (געזעגענדיג זיך מיט רייזעלען) גאָט האָט געגעבען, גאָט האָט צוגענומען. לאָז זיין נאָמען זיין געלויבט! (ער גערט מיט זעלדען אַוועק).

רייזעלע (נאָכקוקענדיג זיי) דאָס לעצטע שטערענדיל פאַרשווינדען... (אָנהאַפּענדיג זיך ביים האַרצען), אַך אין האַרץ הייבען מיר זיך חוואַליעס... מאַמע, איך וויין! דער בלאָטער האָט אויסגעשפּרונגען און איך וויין, וויין, מאַמע, מיט אייטער און בלוטיגע טרעהרען!... (זי פאַרשווינדט צווישען די ביימער).

---

# פינפטע סצענע.

### פייבוש און חאַסקיל.

ביידע ווייזען זיך אַרויסגעהענדיג פונ׳ם וואַלד זיין צוקומענדיג נאָהענט צום פּלאַץ פאַר דער שטוב. חאַסקיל אָנגעטאָן שבתדיג, אין איין אַטלעסענער קאַפּאָטע אויף אונטערשלאַק. פון אויבען אַ בורנאָס פון לאַסטיג. די הענד פאַרלעגט אַהינטען אונטערן בורנאָס, אַזוי אַז די פאָלעס פאַרנעהמען זיך. אויפ׳ן קאָפּ אַ פּליסען היטעל. די פאות שטעהען אויבען אָב פון די שלייפען, אונטען פערשפּיצט אין אַ גרייזעל און הענגען אַראָב ווי צעפּלעך. צווישען די צעפּלעך קוקט אַרויס אַ קליין, שיטער בערדיל, פערדריסען מיט אַ שפּיצעל אַרויף. קוקט אַ מאָל אויף איין אויגעל, האַלטענדיג דאָס קעפּיל אין דער זייט, און אויף די ליפּען שוועבט אַ שמייכעלע, וואָס דריקט אויס חוצפא.

פ י י ב ו ש. אַט וועסט דו זי באַלד אָנקוקען. האַ, וואָס קען דיך עס אַרען?.... הייסען וועט עס עט, גלאַט אַזוי, ביים וועג געהענדיג אויפ׳ן שפּאַציר, ל״ג בעומר, אין וואַלד.

ח אַ ס ק י ל (מיט אַ קנייטשעל) נאָך אַ מאָל טאַקי פרעג איך: למאי נפקא מיניה? וואָס איז דאָ אָנצוקוקען? אַ נקבה ווי אַלע נקבות. עיקר הדבר איז דאָך יענץ — התחיבות.

פ י י ב ו ש. גלויב מיר, ס׳איז רעכט. מען בעדאַרף וויסען דאָס אָרט. דאָ מוז עס הייסען קלאָמפּערשט אָנקומען. דש״י איז מיט זיין בעוואָהרעניש, חלילה, נישט משוגע. און ווייטער האַ, וואָס קען עס דיך אַרען, אַז דו וועסט האָפּען אַ קוק? נישקשה, מען וועט דיך, חלילה, נישט אָבבייסען. (ער בעטראַכט האַסקילען) ע, דו שוויצט דאָך עפּיס ווי אַ ביבער!... ניין, נישט קיין גוטער משא ומתן פאַר מיר.— וואָס טויג דיר דאָס פּליסען היטעל?

ח אַ ס ק י ל. אַ זאָג אַ ביסעל פון אַ יודען: וואָס טויג דאָס היטעל? עפּיס גאָר משונה ווילד, כ׳לעבען!...

פייבוש. עט... ווייס איך, וואָס דו רעדסט. — למען השם, זאָג איך דיר, חאַסקיל, צו האַלטען זיך מיט דרך ארץ.

חאַסקיל (מיט אַ שמייכעלע) פישששש, דרך ארץ פאַר אַ מיידיל! אַט רעדט נישט קיין נאַרישקייטען.

פייבוש. דאָס, חאַסקיל, זאָג איך דיר טאַקי: למען השם, צו רעדען מיט ישוב הדעת, וואָרום זי איז אַ קלוג מיידעל!

חאַסקיל. אַ טריאַטער, כ'לעבען, אַ קלוג מיידעל! פון וואַנען האָט צו איהר די חכמה זיך גענומען? אין אַ חדר האָט זי דען גע־לערענט? וואָס אַ מינדסטער מאַנסביל האָט אין נאָגעל, האָבען עס צעהן קלוגע נקבות נאָך אין קאָפּ נישט.

פייבוש (ווייטער בעטראַכטענדיג חאַסקילען) נו, סחורה!... דו שוויצט נאָך טאַקי אַלץ, חאַסקיל?! נעהם וויש דיר אָב דאָס פּנים מיט אַ טיכעל. — צו וואָס האָט דיר נאָך געטויגט היינט אַזאַ בורנאָס?

חאַסקיל. עפּיס אַ שניידעריל, אַ פראַנצוויזיל בין איך, האַ, מיך צו ווייזען צווישען מענשען אין איין קאַפּאָטע! — זעהר אַ פּאָלי־טישנער מענש, כ'לעבען, ר' פייבוש, (ווישענדיג דאָס פּנים מיט דער פּאָלע) הלכות פּאָליטיקע, דרך ארץ, פאַרשטעה איך בעסער. — רעדט בעסער מכּח התחייבות.

פייבוש. נישקשה, דו חאַפּסט זיך אין אַ שמאַלץ־גרוב אַריין. — טאָמער וואָלט איך געפּועל'ט, אויף אַ ווײַלע חאָטש אויסצוטאָן דיין בורנאָס. ער איז דאָך צו דיר נישט צוגעוואַקסען, קענסט דאָך אָבגעהן מיט שוויים.

חאַסקיל (ווישענדיג דאָס פּנים) בראָש ציטערט ער פאַר שוויים. וואָס איז דאָ אַזוינס? אַ יוד שוויצט... קעסט, ר' פייבוש! למען השם, וואָס מעהר קעסט.

פייבוש. שאַ, זי געהט, זי געהט! (ער בעטראַכט נאָך אַ מאָל חאַסקילען פון'ם קאָפּ ביז די פיס) אָך, דיינע שוויצען, חאַסקיל, דיין שוויצען!...

# זעקסטע סצענע.

## פייבוש. חאַסקיל און רייזעלע.

רייזעלע (צוקומענדיג נאָהענט) נאָך דאָ פאָרט עפּיס אַ שטיקעל זכר . . . ר׳ פייבוש! אַ גאַסט, כ׳לעבען. עפּיס ווי פונ׳ם הימעל אראָבגעפאַלען!

פייבוש. ווערטער טאַקי ווי פון אַ חכמה, אַ יודישע טאָכטער! קיינער טהוט נישט קיין טריט ביז ס׳איז ניט פונ׳ם הימעל. עס פאַלט נישט דער שפּאָן ביז ס׳איז עפּיס נישט דיראָן.

רייזעלע (מיט אַ זיפץ) אַ מאָל אָבער פאַלט דער שפּאָן יענעם צרות אָנצוטאָן. חלילה, נישט אייך, ר׳ פייבוש, מיין איך.

פייבוש. מען בעדאַרף אָבער אַלסדינג אָננעהמען פאַר ליב. אַז גאָטעניו דרעהט זיין וועלטיל! אַוודאַי איז נישט איטליכער געגוג שטאַרק אויסצושטעהן דעם נסיון... איך האָב שוין דאָ געשמועסט מיט ר׳ חאַסקילען, האָב איך ערשט . . . וואו זייט איהר, ר׳ חאַסקילע? (שטרעקט רעדענדיג אויס די האנד אהינטער און שלעפּט חאסקילען צו ביי די פּאָלעס) אָט איז, ר׳ חאַסקילע, די גוטע און פרומע, פון וועלכער מיר האָבען געשמועסט.

רייזעלע (לאזט פארשעמט אראָב די אויגען) ע, ר׳ פייבוש! איך האָב גאָר נישט געוואוסט, אַז איהר קענט מאַכען קאָמפּלימענטען.

פייבוש. קאָנפּליענטען ווייס איך נישט, קיין פלאָטקע-מאַכער בין איך נישט. ביי מיר איז אָהן קונצען, פּראָסט דער אמת, ווי גאָט האָט געבאָטען. יאָ, האָבען מיר ערשט געשמועסט, ווי שווער ס׳איז איין עהרליכער יוד צו זיין, גאָר אָהן קשיות פון זיין ליבען נאָמען אַלסדינג מקבל באַהבה זיין און געשטעלט למשל איינע אַזעלכע, מיט וואָס פאַר אַ שטאַרקייט זי האַלט, נעבעך, דעם נסיון אויס און נעהמט אָן פאַר גוט, וואָס גאָט ברוך הוא טהוט, און ווער? דווקא אַ נקבה, נאָך אַ יונגענד. (אַ טאָרע-געבענדיג חאסקילען) אַ יאָ, ר׳ חאַסקיל!... איהר זייט, נעבעך, מיד, ר׳ חאַסקילע, פונ׳ם גאַנג און געהט אָב מיט שוויים. נישקשה (שטיל, אנטוויגענדיג זיך צו רייזעלען) ער איז אַ זיידען קינד, כּלי שלמה!

**ר ײ ז ע ל ע**: איהר שטעהט דאָ דערװײל מיד און איך בעט אײך אפילו ניט זיצען! זעצט זיך, זײט מוחל, אָט דאָ אקעגען אויף דער באנק.

**פ ײ ב ו ש** (גיט א שלעפ חאסקילען בײ דער פאָלע און זעצען זיך בײדע אקעגען רײזעלען): געלויבט איז גאָט, ר׳ חאסקיל, אָט זיצען מיר אונטערגעלעהנט אונטער א בוים! א יאָ, גוט? װאָס שװײגט איהר? (צו רײזעלען) איך האָב זיך פאררעדט און פארגעסען דערװײל צו זאָגען. יאָ, דאָס איז ר׳ חאסקיל ר׳ יוחנצע דעם רב׳ס!

**ר ײ ז ע ל ע** (צומישט): א-א! איך װײס.

**פ ײ ב ו ש** (נאָכדעם אז א היבשע װײלע איז שטיל): אזוי, אזוי געהט עס אויף גאָטס װעלטעלע!... (ער דרעהט א האָר פונ׳ם בערדיל און מריקעט אונטער דער נאָז) טי-טי-טי, בריבים-בים-בים... װאָס זאָגט איהר, ר׳ חאסקיל, װי דאָ איז גוט?

**חאסקיל** (מיט א שמײכעלע): װאָס איז דאָ אזוינס? א װעלדעל, פלעקער, בוימער, ריטלעך, בעזעמער!... עט. נארישקײטען, יונגעלשע זאכען.

**פ ײ ב ו ש** (צו רײזעלען): ר׳ חאסקיל, פארשטעהט איהר, געהט אלץ און הויכע דרכים. איהם טראָגט דער קאָפ אין אנדערע חלומות. אװדאי איז עס גאָר א הויכע מדרגה העט, העט... א קאָטא! װי קומען אזעלכע מענשלעך װי איך דערצו... בריבים-בים-בים. — מען בעדארף ארײנגעהן אביסעל צו דער מאמען. (צו חאסקילען) און איהר מעגט דאָ בלײבען, נישקשה. (צו איהם אויף לשון הקודש) אתה בלא תהיה כאן שלימזלניק. (באלד טאָקי אויף יודיש) די װעלט פונדעסטװעגען, ר׳ חאסקיל, איז אויך א װעלט.

**ר ײ ז ע ל ע** (קנאָקט די פינגער): אָט װעל איך געהן, שיקען אײך די מאמען אהער, ר׳ פײבוש!

**פ ײ ב ו ש**: חלילה, זײט זיך נישט מטריח. איך געה אלײן, נישקשה. (ער װערט פארשװאונדען).

---

# זיבעטע סצענע

## רייזעלע און חאסקיל

רייזעלע נעהמט נישט ווייט פון איהר דאָס רעמיל און העפט, חאַסקיל נעהמט זיך בײַ דער פאה און גלעט דאָס בערדיל. ביידע שווייגען אַ היבשע ווײַלע, נישט צורעדען אַ וואָרט

חאַסקיל (מאכט מיט די אקסלען אָנבייגענדיג דאס קעפּיל) נאַ, נאַ דיר פייבוש!

רייזעלע (דערלאנגט, אבבייסענדיג דעם פאדים, א דורכנעהמענדיגען קוק אויף חאסקילען) וואָס פייבוש?

חאַסקיל (אין דער וועלט אריין) אַ תּם! ווייסט קלאָמפּערשט נישט, אַז פייבוש איז אַ שדכן.

רייזעלע. האָט נישט קיין פאַריבעל, איהר זייט דען אַ בחור?

חאַסקיל (מיט א געלעכטער) אַ טריאַטער, כ'לעבען. נאַט אַײַך אַ בחור מיט אַ בערדיל!... אַ אַלמן בין איך. — נאָר צו וואָס טויגען די אָנשטעלען, אַז מען ווייסט אַליין זעהר גוט.

רייזעלע (ניט בעטראכטענדיג חאסקילען) עפּיס ווילט זיך מיט אַײַך רעדען, איהר זייט, דאַכט זיך, בײַז.

חאַסקיל. (ווערט בײַ זיך גאנץ שטארק) ניין, עס רעדט זיך נאָך אַזוי, נו, לאָמיך שוין הערען וואָס ווייטער?

רייזעלע. איז אַייער ווײַב געוועזען אַ קלוגע, אויף אַײַך אַ מבין?

חאַסקיל (מיט א געלעכטעריל) קלוג ווי אַלע ווײַבער, משטיינס־געזאָגט. און צו וואָס טויג באמת אַ פלונית'טע די איבריגע חכמה? ביסט אַ פלונית'טע, זײַ־זשע אַ פלונית'טע און גענוג. ווייטער גאָרנישט... איהרע מבינות האָב איך נישט בעדאַרפט. אַלץ איינס...

רייזעלע (אוועקשטעלענדיג דאס רעמיל און אנקוקענדיג חאסקילען) מיט אַײַך איז דאָך עפּיס מחיה גאָר צו רעדען! זאָגט נאָר, איך בעט אַײַך, וואָס איז אַזוינס פלונית'טע?

**חאַסקיל** (שמאָכט פאר גרוים הנאה און רייבט די הענט וואָס איז אזוינס פלונית׳טע? — גאָרנישט, פלונית׳טע איז פלונית׳טע, א יודענע, אָהן אַ נאָמען, גלאַט אזוי זיך...

**רײזעלע.** און אײער ווייב, זאָגט נאָר, האָט איהר ליעב געהאַט?

**חאַסקיל.** עפּיס אַזוי מיאוס מגושם, ליעב, מחילה, אַ ווייב!... דאָס ערשטע מאָל העה איך אַזעלכעס, עפּיס אַ ראָסעלפלייש איז עס, א לעדוועצע...

**רײזעלע.** עפיס גאָר אַנטיק, כ׳לעבען, ווי איהר רעדט! וויפיעל איז דרינען אַז אײער ווייב איז טויט?

**חאַסקיל.** אָ, שוין אַ היבשע צייט, אַקעגען אַ דריי חדשים.

**רײזעלע.** ערשט א דריי חדשים און איהר ווילט שוין חתונה האָבען!

**חאַסקיל.** מילא וואָס דען זשע טהוט אַ יוד, אַז די פלונית׳טע שטאַרבט? געשטאָרבען—נו געשטאָרבען. ברוך דיין אמת! האָב דיר דאָרטען א ליכטיגען גן עדן און חתונה מוז מען האָבען,—איבריגענס בין איך מרוצה, אויף אַ קורצער צייט די חתונה אָבצולעגען, אַבי למזל אָבמאַכען די תנאים, פייבוש האָט מסתמא עס שוין געזאָגט.

**רײזעלע.** און קינדערלעך פון אײער ווייב איבערגעבליבען?

**חאַסקיל.** פון עטליכע שטיקלעך איז דאָ איין יונגעל, אַ שלאַפּס. מען קען זיין גאַנץ רוהיג, די נשמה העגגט איהם אויפ׳ן שפּיץ נאָז. ער בלייבט ביי׳ם טאַטען. צום שידוך געהער זיך עס כלל נישט אָן.

**רײזעלע.** זעהר פיין פון אײער זייט... (זי נעהמט ווידער דאָס רעפּיל און העפּט אראָבלאָזענדיג די אויגען).

**חאַסקיל** (געהט אהין־אהער מיט ברייטקייט און שמאָכט) ווי זי האָט מיך דאָ פאַרהערט! בין איהר אָבער אַריין אין טעם, הע־הע (פאַרלעגענדיג די הענט אונטער דעם בורנאָס, קוקט ער פונדערווייטענס אויף רייזעלען מיט איין אויגעל און מעסט זי איבער פון אויבען ביז אראָב) סחורה! קיין מעשה נישט, נישקשה... מען בעדאַרף מיט איהר מאַכען גיכער אַיין עק. (צוקומענדיג צו רייזעלען רעדט ער עפּיס נישט מיט זיין קול), זאָג, נאַרעלע, דו ווילסט?

**רײזעלע** (הויבט אויף פערוואונדערט די אויגען) וואָס?!...

**חאַסקיל** (מיט א נארישער מינע) זאָג, נאַרעלע, שעם זיך נישט! ס׳איז דאָך אַ יודישע זאַך. ווייסט דאָך שוין וואָס...

**רײזעלע** (שטעהט געשווינד אויף, אנטאַפּענדיג זיך ביי׳ם האַרצען) אהא, איך שטויס מיך שוין אָן... אַ שרעק!!

חאַסקיל. שרעק זיך נישט, נישקשה! דעם נדן וועט דער טאַטע דיינער סיליק׳ן קודם המעשה. מעגסט אויף מיר זיך שוין פער־לאָזען. ער פרוטה אַחרונה וועט ער ביי מיר סיליק׳ן.
רייזעלע (אויסשטעלענדיג אויף חאַסקילען אַ פּאָר ברענענדיגע אויגען) אוועק, דו ווילדער!... (זי לאָזט זיך גיך געהן).
חאַסקיל (נאָכקוקענדיג רייזעלען מיט חוצפּא) פּישששש... מען פרעגט זי אום אַ דעה! נישקשה, וועסט בעסער ווערען!... (ער געהט אוועק).

---

# אכטע סצענע.

## שפּרינצע, רייזעלע און שמחה.

שפּרינצע (ווייזט זיך געהענדיג פון שטוב און ברעכט די הענד) שוין!.. דער ערשטער שניט איז שוין געשעהן. די מאַמע מוז געהן דערקוי־לען... רייזעלע און חאַסקיל! אַזאַ הפך ווי טאָג און נאַכט... אוי, די נויט, די ביטערע נויט!... ווי אָבער וועל איך איהר אין די אויגען קוקען?... רייזעלע, אָ, רייזעלע! (זי שפּארט זיך אָן צו אַ בוים און וויינט).
רייזעלע (צוקומענדיג פערטראַכט און דערשלאָגען) מאַמע!...
שפּרינצע (קלאַפּט זיך אין הארצען) וועה איז דער מאַמע! — רעד, וויין, טאָכטער!
רייזעלע. איך האָב שוין געוויינט, מאַמע!
שפּרינצע. וויין, לאָמיך הערען! דיין שווייגען אַצינד שטעכט מיך... וויין, רעד, טאָכטער!
רייזעלע. אַלץ איינס, מאַמע! וואָס איז אינגאַנצען מיין לעבען?
שפּרינצע. אַ שרעק! עפּים הערט זיך מיר אַצינד דאָס אַלטע לידעל: „דער טאַטע האָט מיך געקיילעט, די מאַמע האָט מיך גענגע־סען”. יאָ, טאָכטער, גענגעסען, דאָס איז טאַקי פאַר דעם עסען.
שמחה (אַנקומענדיג שטאַרק אויפגעבראַכט) אַזוי?!.. דו שיטסט מיט

הייסען פריסיק שיטסט דו אָב—טרייבסט! נו זאָג איך דיר, רייזיל, דער שידוך מיט חאַסקילען מוז זיין און וועט זיין.

שפרינצע (אננעהמענדיג שמחה׳ן ביי דער האנד) אָבער, שמחה, נישט מיט אַזאַ...

שמחה. עט, וואָס וועסט דו מיר דאָ זאָגען... דאָס האָט די מאַמע דיינע, רייזיל, דיר ביז אַהער נאָכגעגעבען אַלע דיינע חפצות און איך נאָר האָב מיר געלאָזט אַרויספיהרען אויף ביטשען... יאָ, אַ גרויסע טובה האָט מיט איהר נאָכגעבען דיר די מאַמע דיינע געטאָן. אָ, ווייבער, ווייבער...

שפרינצע (מאכט מיט דער האַנד שמחה׳ן כמעט אונטער דער נאָז) שלעכט אין שטאָדט, עס געפעלען איהם נישט די ווייבער! ווי באַלד נאָר עפּיס, זענען די ווייבער... אָ, מענער, מענער! (צו רייזעלען) וואָס זאָלען מיר ווייבער, נעבעך, טאָן, אַז מיר זענען אין אַזאַ פינסטער מזל געבוירען געוואָרען; אַז מיר זענען פערקויפט, נישט פריי אָקאָפּ אויפצוהויבען... ע. דו זאָלסט זיין אַ יונגעל, וואָס וואָלט איך מיט דיר געהאַט צוזאָרגען, אַ מיידעל אָבער איז עפּיס גאָר אַנדערש. זי טהאָר צו פיעל זיך נישט איינשפּאַרען.

רייזעלע. מה רעש. איך וועל פערזיצען? עפּיס נישט אַזאַ סכנה!

שפרינצע. עפּיס גרינג אַזוי צו זאָגען איינע אַ מיידעל! ערגערס איז שוין, דאַכט זיך, גאָר נישטאָ ווי צו זיצען ביז דעם גרויצאָפּ. און בפרט נאָך ביי יודען. בעהיט זאָל מען ווערען!—אַ מאַנסביל, ער מעג, נישקשה, ער איז עפּיס גאָר וואָס אַנדערש...

שמחה (וואָרטשענדיג) די מאַמע איז דאָס די גוטע און דער טאַטע דער שלעכטער. זאָגט זיך דען נישט אויך דאָס אייגענע. נאָר אַביסעל צושמירט.

שפרינצע. אַז דו ביסט געקומען אַזוי אָנגעלאָדען און זיך צופלאַקערט אויף דעם קינד, נעבעך! זעהסט דאָך, מען קען רעדען דאָס אייגענע טאַקי, נאָר ווי אַ מענש, מיט גוטען און ברחמנות.

שמחה (גלעט רייזעלען איבער׳ן קאָפּ) כ׳לעבעו. רייזעלע, איך האָב דיך אַזוי ליעב ווי די מאַמע.

רייזעלע (אָנקוקענדיג דעם פאָטער פערטראַכט) וואָס?!

שמחה (אַ קלאַפּ־געבענדיג זיך אין האַרצען) איך האָב אַ האַרץ פול מיט מכות!... און גאָר אָהן דעם, רייזעלע, ביסט דו דאָך שוין אַ דערוואַקסען מיידעל און ווען אַנדערש קען מען דיר אין אומגזור

גראַד אָנשלאָגען ; חאַסקיל איז וועניגסטענס אַ מיוחס, שטאַמט פון אַ גרויסער משפחה.

ר ײ ז ע ל ע. אָט דאָס גאָר!... ניין, טאַטע, ניין!

ש מ ח ה (אויפגעבראכט) מיר זענען פאַרביי! דו ווילסט אונז קיילען, טאָכטער, לאָז זאָגען די מאַמע.

ש פ ר י נ צ ע. משונה גראָב, שמחה! רעד נישט אַזוי משונה. (צו רייזעלען מיט אַ קרעכץ) דער טאַטע מיינט, מיר קענען פון אַנדערע געקיילעט ווערען, חלילה, אָהן אַ מעסער...

ש מ ח ה. אונזער הויז, וואָס אין זאַלאַג, וועט מען צונעהמען, אַלסדינג, האַק און פאַק מיט די בעבעכעס. אַ חוץ די אַלע ביטערע צרות וועל איך נאָך פערלירען דעם גוטען נאָמען און זיין צו לייטיש געשפעט. מיין גאַנצע האָפנונג אַצינד איז נאָר איין ר׳ יוחנצע, אָבער מיט דעם תנאַי, אַז דו וועסט זיך נישט פער׳עקשנ׳ען... אוי, רייזעלע, שלעכט, דער חלק ליגט מיר אויפ׳ן האַלז!

ר ײ ז ע ל ע (אָנדאַפענדיג זיך קיים הארצען) טאַטע!...

ש מ ח ה. קוק, מיין קינד, אויף דער מאַמען. די מאַמע, נעבעך, וועט ליידען דחקות, הונגער און נישט האָבען אויף דער עלטער, וואו דעם קאָפּ אַניר׳ערצולעגען (ער ווישט די אויגען און קעהרט אוועק דעם פנים).

ר ײ ז ע ל ע (צו זיך אליין, א מאַך-געבענדיג מיט דער האנד) ער... איז דאָך מעהר נישטאָ... טהוט אייך מיט מיר וואָס איהר ווילט!

ש פ ר י נ צ ע (וויינענדיג) ניין, ניין, צווינג זיך נישט, טאָכטער!... די מאַמע וועט בעסער דינען, זיך פערקויפען...

ר ײ ז ע ל ע. ניין, מאַמע! אַלץ איינס. אַזוי איז מיר שוין בעשעהרט... (זי פאלט אויף דער באַנק).

ש פ ר י נ צ ע (ארומהאפענדיג רייזעלען) געפאַלען ווי אַ קרבן! וועה איז דעם טאַטען, וועה איז דער מאַמען!...

# פינפטער אקט.

**ז** גאַס. אויף די הייזער זענען אַרויסגעשטעלט פענדלעך און אַ טייל פון זיי זענען בעהאַנגען מיט קרענצלעך בלומען. רעדלעך מענשען שטעהען אויף די טראָטואַרען. לינקס קוקט ארויס איציקס קלייטעל און דערביי ליפע דער חלפן נעבען זיין טישעל

---

## ערשטע סצענע.

**א** עולם, איציק דער קרעמער ר׳ אליה, ליפע דער חלפן און פייבוש.

**א י ו ד ע נ ע** (מיט א געשריי שטופענדיג זיך צווישען דעם עולם) לאָזט, יודישע קינדער, לאָזט! חיימיל מיינער קומט... צוריק פון דער מלחמה... מיט דעם פאָלק קומט ער, מיין חיימיל!

**א י ו ד.** אַי־אַי, זי האָט מיר אָנגעטרעטען אויף דעם פוס! איהר טריף מזל, וואָס זי איז פערשווינדען.

**ק ו ל ו ת צ ו ו י ש ע ן ע ו ל ם.** אַהין, ווייטער, צו דער ראָגאַטקע ניבער! (דער עולם דערווייטערט זיך).

**א י צ י ק** (שטעהט אויפ׳ן גאניקעל פונים קלייטעל) קיר״ה, זאָגט איהר, נעהמט די הערצאָגאָווינע! אָט דאָס איז דאָך טאַקי אַייער קיר״הס [illegible]ילע תנועות, טהוט גאָרנישט און חאַפט נאָר ביי די מלכיות שיריים!...

ר׳ אליה (זיצט אויף זיין חזקה׳ארט) און דיין וויקטאָריעס האָפּ די אינזעל ציפערן הייסט, נעבעך, גאָר ניט געחאַפּט שיריים! נישקשה, זי איז אַ גוטע נאַשערין, האָט ליב שטילערהייט אַ חאַפּצוטאָן פונ׳ם טעפּיל.

ליפּע. אומזיסט, כ׳לעבן, איער האַמפּערן זיך, ער געחאַפּט, זי געחאַפּט, וואָס מאַכט עס אויס? אַ לאַנגע אַלטע אייביגע מעשה. אָט זעהט בעסער, ווי דאָרט שיט זיך אַ עולם אַקעגען דעם חיל, וואָס קומט באַלד אריי

פייבוש (צוקומענדיג צום קלייטעל) אַ, גאָט העלף! פון וואָס שמועסען עס יודען? מסתמא פון פּאָליטיקע. (צו ר׳ אליה׳ן) זעהט איהר, אין פּאָליטיקע, דאָ זייט איהר, ר׳ אליה, אַלמדן מופלג, איין בריה און אַ שדכן דווקא נישט קיין גוטער.—יוסיל פינטשעווערס שידוך האָט פון מיינע הענט גאָר דורך אייך זיך אַרויסגעגליטשט.

ר׳ אליה (אויפשפּרינגענדיג פונ׳ם ביינקעל) הערט־זשע, יודען, בהן שלי, איך בין דרינגען אַזויפיל שולדיג... ווי זאָל איך זאָגען? אַזוי ווי... נישטמעהר וואָס... גאָרנישט.

פייבוש (מיט א גנבה־שמייכעלע) נישטמעהר, גלאַט, אויך די אייגענע מעשה—ר׳ אליה! אָבער ווען נישט ר׳ אליה און טרעפט זיך מיר עס מיט איין אַנדערען, הערט איהר, יודען! וואָלט איך טע־טע־טע... נו, ר׳ אליה, שאַ, ווייטער חבר.

ליפּע (ארויפלויפענדיג מיט אימפּעט אויפ׳ן גאַניקעל) איציק, דאָס חיל! דאָרט ריהרט זיך שטאַרק דער עולם.

איציק (צוקוקענדיג זיך) האַ... ניין! ברוך הבא, דאָס איז ער, שמואליק מיט זיין כבוד אַליין!

# צווייטע סצענע.

## שמואליק און גיסיע.

שמואליק (ארויסשטופענדיג זיך פון צווישען דעם עולם שטארק פארכוס׳עט און דאס היטעל אויף דער זייט קאפ) וויסניטרע, וויסנאפרע, וויסנאפרע לחי עולמים!... אז שמואליק מארשירט, לאז זיין בצלצלי תרועה, מיט א קאטערינקע . . . עך, סאלדאטיקי־בראטיקי, בשמחה רבה ואמרו כולם!

גיסיע (ציהט שמואליקן ביים ארבעל) זיידע, גענוג! גיכער, קום הערשעלען אקעגען!

שמואליק (פערקרימט זיך) פישש, א גרויסער פריץ, אקעגען! וויבער, מאמעס צום קבלת פנים דא, אקעגען!.. ואני און איך האב צו דיין מוטער רחל נישט אזוי געטאן, בבואי מפדן, אז מיר זענען געקומען פון קאווקאז, האבען מיר געדראלעט בעגלה ובזמן קריב ווי א קאדנער בעל עגלה אין דער בלאטע, זיך געשלעפט מיט גרויס קוראזש, אומעטום הוררא... אז אלע פלעגען פאר אונז מאכען ויברח...

איינער פונ׳ם עולם. אבער קידוש, שמואליק, פלעגט איהר מאכען?

שמואליק (שאקלענדיג מיט דער האנד) פיט, פיט, פיט! דוואדצאט פיאט פאלאק אויף א ברודער מיט דריי ציין אונטערגעשלאגען. און קידוש איבער א הארטען סעחאר. נא, גריזע און שריי חי וקים. ראדי סטאראטסיא וואשע בראדיע. בשמחה רבה ואמרו כלם!

גיסיע. אבער קום שוין, קום, זיידע! ווי דערלעב איך שוין זעהען הערשעלען.

שמואליק (אויסציהענדיג זיך ווי א סטרונקע) סטאי ראוונאיסיא! פינף און צוואנציג יאהר מיט א שמיצעל האט די מאמע געווארט

און זיך נישט דערוואַרט איהר שוואַליק'ן צוריקקומענדיג פונ'ם חדר, וואָהין דער בעהעלפער מיט מעשענע קנעפּלעך האָט איהם, נאָך גאָ־אַ ברעקיל, אוועקטראָגען אויף די פּלייצעס. די גאַנצע צייט כסדר איז געגאַנגען די לאַנגע סדרה בלק. ומלאכים יחפזון און געצימבעלט, דם ואש ותמרות עשן אַזש אַ רויך איז געגאַנגען, (אָנעהמענדי: גיסיען) חיי, אדם אַ מענש, קאַטשקע רוק זיך! רוקט זיך, ישראל בני רחמנים!.. (ער געהט אוועק מיט גיסיען און אַ סך פו.'ם עולם נאָך איהם).

---

# דריטע סצענע.

פּענדיל, דוואסיע און שמחה.

דוואָסיע: אונז, מענדיל, איז אפשר ציית פאַהרען אַ היים. אַלסדינג איז שוין איינגעהאַנדעלט, אויף אַ רגע נאָר וואָלט איך גע־וואָלט אַ שפּרונג טאָן צו שפּרינצען, זעהן וואָס זיי מאַכען.

מענדיל: מאַכען זאָלען אַזוי די היגע ר' שמעלקעס. זיי האָבען ר' שמחה'ן גוט איין אויער אויסגעמאַכט. יענע וואָך בין איך ביי איהם געוועזען, אוי, דוואָסעניו, איז דאָס ביי ר' שמחה'ן אין הויז אַ ביטערע עלענט, דער דלות סווישטשעט דאָרט פון איטליכס ווינקעלע! דו וואָלסט איהם נישט דערקענט, אַזוי האָט אים דאָס פנים זיך פאַרענדערט. שאַ, אָט געהט ער דאָרט טאַקי אַליין.

שמחה (צוקומענדיג): שלום עליכם, מענדיל וואָס מאַכסט דו עפּ"ס? ווי געהט עס דיר אין דיין אַרענדע פון דער מיהל?

מענדיל: נישט צופאַרזינדיגען, ס'איז ברוך השם, דאָ ברויט. (אָנקוקענדיג אַ רגע שמחה'ן) וואָס טויג אייך, ר' שמחה, די שטאָדט, אָנקוקען דאָ די פנימער זייערע — דאָס גאַנצע פּעקיל שענע לייט, מיוחסים, וואָס האָבען בכיוון, בכדי צו ווערען אַדמיניסטראַטאָרעס, שטילערהייט

אויף אייך געגראָבען . בעגראָבען , כ׳לעבען , זאָלען זיי אייך אַלע וואָרען. אַט נעהמט, פאָלגט מיך, און פאָהרט מיט אייער ווייב איבער צו מיר אין דאָרף אויף אַ צייט ביז גאָט וועט צייך עפּיס העלפען.

דוואָסיע. ביי אונז וועט עס, כ׳לעבען, גאָר נישט אויסמאַכען. אדרבה מיר וועלען גרויס הנאה האָבען . טהוט אונז, כ׳לעבען, די טובה, בעל הבית! אַזוי פיעל יאָהר האָבען מיר ראָך אייער זאַלץ און ברויט געגעסען.

שמחה. יישר כח אייך פונ׳ם גאַנצען הארצען, ס׳איז אָבער גאָר אוממעגליך . ווי מיינט איהר , האַ? שפּרינצע מיינע וועט זיך שיידען מיט רייזעלען און בפרט אַצינד, אז זי איז אַזוי אומגליקליך און עס טהוט זיך...

מענדיל. אַלץ אפשר מיט דעם שענעם איידעמיל?

שמחה. ס׳איז דאָ געגוג מיט דעם, מיט יענעם... אַט גוט, כ׳לעבען, וואָס דו ביסט היינט אין דער שטאָדט. דו קענסט מיר צוגיקומען. קום , וועל איך דיר זאָגען. (שמחה און מענדיל געהען אַוועק) .

---

# פערטע סצענע.

רייזעלע , א דארע מיט א טיכעל אויפ׳ן קאפ, א פעקל אונטערן ארם. דוואסיע, איציק און ליפע.

דוואָסיע (צולויפענדיג צו רייזעלען) וואָס זשע מאַכט איהר פאָרט, קרוין? אַי, האָב איך שוין געגאַרט אַזוי אייך צו זעהן! (די וויסט די אויגען און שאקעלט מיט דעם קאפ) אַ וועהטיג איז מיר, ווי איהר זעהט , נעבעך , אוים ! זאָגט זשע , איך בעט אייך, וואָס זשע מאַכט איהר?

ר ײ ז ע ל ע (אינטערהוסטענדיג און הײזעריגליך) אזוי װי דו זעהסט מיך, דוואָסיע. — איך לעב...

ד װ אָ ס י ע. אזא לעבען געזאָגט געוואָרען אויף אַלע יענע לײט, וואָס האָבען אַ מאָל בײ אײך געזויפען, געפרעסען און דערנאָך אין אײער בלוט זיך געבאָדען! (אויסשטרעקענדיג די האנד צו רײזעלעס פּעקיל) אַ דונער האָט מיך נישט דערשלאָגען! קוים וואָס זי געהט, איז אויך אויף דער צײט און רײסט זיך נאָך דאָס געזונט אײן טראָגענדיג אזא פּעקיל!

ר ײ ז ע ל ע (אוועקשטופּענדיג דוואסיעס האנד) צו וואָס, דוואָסיע! וואָס מאַכט עס אויס, נאָך אַ פּעקיל, אַלץ אײנס, כ׳לעבען.

ד װ אָ ס י ע. געהט שוין, געהט, רעדט נישט אַזעלכע זאַכען. אײער געזונט איז טײער. צעהן פון יענע שענע לײט זאָלען די כּפּרה װערען פאַר אײער מינדסטען נאָגעל... נו, גיט שוין עס אהער! — וואָס איז דאָ אַזוינס אין דעם פּעקיל?

ר ײ ז ע ל ע. אַביסעל װעש צום נײהען... האָב איך אויף אײן אָרט גענומען.

ד װ אָ ס י ע (װישענדיג די אויגען מיט דער גאנצער האנד) ר׳ שמחה׳ס טאָכטער, וואָס האָט געלעבט אין וואוילטיג, זיך געבאָדען אין מילך, אין פּוטער, זאָל הײנט, נעבעך, אַזוי קריעה רײסען!

ר ײ ז ע ל ע. מײן לעבען איז גאָר נישט װערטה, מען זאָל איבער איהם אַזוי זיך זאָרגען. אָט זאָג בעסער, דוואָסיע, וואָס מאַכסט דו? לעבסט דו צופרידען מיט דײן מאַן?

ד װ אָ ס י ע. אויף אַלע מײנע ליבע געזאָגט געוואָרען אַזאַ גוטע מזלדיגע דאָליע װי מײנע. מײן מענדיל ג׳ובעט, קיבעלט מיך. אַלץ דוואָסיעניו, מײן דוואָסיעניו. זאָגט דוואָסיע טאָג, מעג זײן נאַכט, איז טאָג.—און איך איהם האָב אין הארצען עפּים אַזוי ליב, אַזוי ליב... איך רײץ מיך אַפילו אַ מאָל מיט איהם, בלאָז מיך קלאָמפּערשט, אָבער אַזוי אויף קאַטאָוויס.

ר ײ ז ע ל ע. זעהסט דו, דוואָסעניו, דו האָסט טאַקי אַ גליקליך לעבען.

ד װ אָ ס י ע. איך האָב מיך, ברוך השם, נישט צובעקלאָגען. ס׳איז נאָך אַזא מענדיל, דאַכט זיך, גאָר נישטאָ. ער איז דאָך אַפילו

א פראָסטער מענש, נישט עפּים ווי יענע זיידענע יונגע־מאַנטשיקלעך! גאָר די כפרה מעגען זיי אַלע ווערען פאַר זיין מינדסטען פינגער... א ווערהטיג איז מיר! וואָס ציטערט איהר עפּים אַזוי, רייזעלע? איהר קענט דאָך זיך נישט האַלטען אויף די פיס. אַהער גיכער דאָס פּעקיל! קומט, דאָ אַקעגען האָב איך אַ בעקאַנט קלייטעל. (זי נעהמט ביי רייזעלען דאָס פּעקיל און נעהט מיט איהר צו צום קלייטעל).

**איציק** (דערזעהענדיג דוואסיען) אַ, איסקאָטציל קומט, דוואָסיע!

**דוואָסיע** (ארויספיהרענדיג רייזעלען אויפ'ן גאניקעל) זיצט, רייזעלע, זיצט דאָ אויפ'ן ביינקעל, אָט אַזוי, אַזוי. (צו איציק'ן) האָט קיין פאַראיבעל נישט וואָס איך סאַרווער דאָ אַזוי, ווי ביי מיר אין דער היים.

**איציק** (ווייזענדיג אויף רייזעלען) נישקשה, איך האָב געזונג פון זי איבערגעלייזט אַ מאָל אין די גוטע יאָהרען...

**ליפּע** (ארויספאַלענדיג געשווינד אויפ'ן גאניקעל) איציק, מען געהט!

---

# פינפטע סצענע.

פונדערווייטענס הערט זיך אַ שפּילען פון מוזיקע. דערנאָך ווייזען זיך סאָלדאַטען. פאָראויס געהען פיעוטשעס, זינגען און פייפען פרעהליך. אין די פענסטער פון ביידע זייטען הייזער שטעהען דאַמען און וואַרפען אויף די סאָלדאַטען קרענצלעך בלומען.

די פיעווטשעס:

כאָלדאַצאַווּשקי, רעביאַטוּשקי גדיע וואַשי זשאָני?
— נאַשי זשאָני רוּזשיאַ זאַרוּאַזשאָני,
וואָט נאַשי זשאָני. א. ז. וו. א. ז. וו.

אַ טייל מענשען דערקענען צווישען די סאָלדאַטען זייערע קינ־דער, זייערע מאַנען. לויפען צו זיי פרעהליך צו, קישען זיך און געהען מיט זיי אַוועק; אַ טייל מענשען, וואָס זייער האָפנונג איז געווען אומ־זיסט, וויינען און ברעכען די הענט.

---

# זעקסטע סצענע.

שמואליק, גיסיע און אַ סאָלדאַט

גיסיע (מיט אַ געוויין) נישטאָ הערשעלע! זיידע, וואָס שווייגסט דו?

שמואליק (טהוט אומעטיג אַ פייף) מי בחרב ומי בחניקה, ווער דורך בלייענע פייגעלעך און ווער דורך אַ פיקע...

קום, גיסיע, קום! (ער געהט שאַקלענדיג זיך).

גיסיע (געהט וויינענדיג נאָך שמואליק'ן) וואָהין, זיידע, קום?

שמואליק (צוקומענדיג צו די פורגאָנעס פון רויטען קרייץ) אַהער, גיסיע! בעגלא, אַ טאַפּ אין וואָגען ובזמן קריב און זשיווא.

אַ סאָלדאַט (ארויסקריכענדיג פונים פורגאָן, זיין האַנד הענגט אונטער־געבונדען אויף אַ טיכעל) האָ־האָ, שמואליק!

שמואליק (מיט דער האַנד צום מויל) על כן ברך, מיט דעם גלעזעל אַ מאַך, פיף פוף־פאַף ויקדשהו און געמאַכט איהם פאַר אַ קדוש אַהן אַ הענטיל... היי סליש!

גיסיע. נישטאָ הערשעלע! פרעג, זיידע. וואו איז מיין הערשעלע?

דער סאָלדאַט (שטאַרק פערוואונדערט) וואָס הייסט?! הערשעלע איז נאָך נישט צוריקגעקומען!... איך אַליין האָב איהם געזעהן גע־זונד און האָב איהם איבערגעגעבען...

גיסיע (מיט גרויס פרייד) זיידע, דו הערסט, ער האָט געזעהען הערשעלען, (צום סאָלדאַט) נשמה, האַרץ, קויפט אייך עולם הבא און דערפרעהט מיך גיכער מיט דער בשורה, וואו, ווען, האָט איהר געזעהען הערשעלען?

דער סאָלדאַט (פערטראַכט זיך) וואו, ווען?... שפּעטער אַביסיל, איהר וועט קומען שפּעטער.

גיסיע. וואָהין, סערדצע, וואָהין קומען?

דער סאָלדאַט. צו זלמן קריסטאַל.

גיסיע. גאָט איז מיט אייך! פון זמלן קריסטאַל איז שוין פון לאַנג קיין זכר נישטאָ.

דער סאָלדאַט (אנהאַפּענדיג זיך ביי דער קראַנקער האַנד מיט א קרעכץ) אוי!...

שמואליק (א פייף־געבענדיג) מי ביד, אוי, א פּיק פון א בלייען פויגעל, ומי באַדמה און באַקט בייגעל!...

גיסיע. זלמן האָט מיט זיין הויזגעזינד זיך אַוועקגעלאָזט באַלד טאַקי נאָך זיין זוהנס טויט. פונ'ם רוטשוקער רב איז אָנגעקומען אַהער זיינע אַלע פּאַפּירען מיט זיין כלה'ס בילד. — נו דערצעהלט זשע מיר פון מיין הערשעלען אַצינד.

דער סאָלדאַט (שאָקלענדיג מיט דעם קאָפּ פערוואונדערט): האַ־האַ, אָט וואָס!... (ער קוקט שאַרף אַן גיסיען) אַ צינד... ניין, לאָזט מיך אָב, איך בעט אייך (ער לאָזט זיך געשווינד געהן).

גיסיע (שלעפּט שמואליק'ן ביי דער האַנד): קום, זיידע! לאָמיר איהם נישט אָבלאָזען (זיי געהען אויך).

---

# זיבעטע סצענע

שמחה, שפּרינצע, חאַסקיל, מענדיל, פייביש, גיסיע, שמואליק, דער סאָלדאַט, רייזעלע דוואָטיע אין א רעדיל מענטשען.

חאַסקיל (דרעהט מיט דעם שטעקעלע אויף דער ערד און מאכט צוקען) שווער, אומזיסט אייערע רעד! זיי געהען מיר אַפּילו נישט אין דער לינקער פּאה.

שמחה. אַזוי, האַ, ענטפערט מען אַ שווער?

שפּרינצע (נעהענטער) עס געהט דיר נישט מעהר אין דעם, שמחה, וואָס ער איז אַ עזות פּנים. אַלסדינג איז גאַרנישט אַקעגען דעם גרויסען אומגלוק, וואָס אונזער רייזעלע, נעבעך, האָט אַזעלכען פּאַר אַ מאַן.

מענדיל (אַרויסטרעטענדיג מיט כעס) אַ מעשה, וואָס נאָך נישט דערהערט געוואָרען! מען זאָל בּיי אַ מענשען צונעהמען דאָס לעצטע, נעבעך. און נאָך ווי? בּגנבה!

חאַסקיל. איך האָב צוגענומען על פּי דין. מיר קומט קעסט. איך האָב נישט דערעסען קעסט!

מענדיל. ר׳ שמחה האָט דען און גיט נישט!

חאַסקיל. אָבּער וואָס געהט עס אָן מיך! אין די תנאים האָט ער זיך מתחייב געווען קעסט. זאָל ער געבּען קעסט! — ער קען נישט? ניעט מיין דאגה. מיר קומט קעסט.

מענדיל. ווי שעמט זיך עס נישט אַ געזונטער בּייבּאַק אַזוינס צו רעדען! וואָס איז דאָס פּאַר אַ גאַנג, יענעם ווי אַ פּיאַווקע צוזויגען, צופרעסען און האָבּען אויף יענעמס קאָפּ קינדער! קראַנק איז אַזאַ יוד מיט הענט און פּיס אַליין צוהאַרעווען און פּאַרדינען זיין בּרויט בּשר מיט שוויים, ווי מיר פּראָסטע מענשעלעך!...

חאַסקיל. איך רעד על פּי דין, על פּי יודישקייט און ער מ׳י ענטפערט בּוידעם. — עם הארץ, גראָבּער יונג!

מענדיל. אוהניאַק!

פייבוש (צוקומענדיג צום עולם, וואָס פּערקלייבּט זיך אַרום) וואָס איז דאָ אַזוינס?

מענדיל. אָט איז ער, דער שדכן! געהט, האָט הנאה פון אייער אַרבּייט. (צום עולם) אָט האָט איהר, יודישע קינדער, אייערע שדכנים, אייערע גליקען! קוויקט זיך, יודען, מיט אייערע תּכשיטלעך, מיט אייערע שענע נפשות!...

(צום עולם קומט צו אַ סאָלדאַט, גיסיע און שמואליק).

גיסיע (צום סאלדאט) אַט דאָ וועט איהר וויסען דעם גאַנצען אמת. (צום עולם) אמת, אַז זלמנס זוהן איז אין רושטשוק געשטאָרבען?

שמואליק. אמת... וויציב און שטעלט אַ מצבה. ונכון און גאָך איינע.

דער סאָלדאַט (אויסציהענדיג זיך גלייך) וואָס, האַ, נישט דערקענט?

מענדיל (קוקט אן דעם סאלדאט און שפרינגט אב צוריק שטארק פערוואונדערט) וואָס זעה איך!...

שפרינצע (ציקוקענדיג זיך) איך חלש, דאָס איז ער!...

שמחה (אוועקקעהרענדיג זיך דערשראקען) אויפ'ן עולם התועה!...

דער סאָלדאַט. אַזוי טאַקי זעה איך אוים (ווייזענדיג אויף דער קראַנקער האנד) איך בין געווען מסוכן שלאָף אַלאַנגע צייט.

גיסיע (מיט אגעבעט) נשמה'ניו, האַרצעניו, נו זאָגט זשע שוין, זאָגט, וואו און ווען האָט איהר הערשעלען געזעהען!

דער סאָלדאַט (קוקט אויף גיסיען שאקלענדיג מיט דעם קאפ) פאַר דער גרויסער מלחמה ביי שיפקע האָב איך... נו, עס העלפט נישט. הערט זשע! איך בין געגאַנגען אויף דער מלחמה און הערשעלע קיין רושטשוק, האָב איך איהם איבערגעגעבען...

גיסיע. נו, ווייטער, ווייטער! דערפרעהט מיך שוין מיט דער בשורה.

דער סאָלדאַט (מיט אקרעכין) האָב איך, געזעגענענדיג זיך מיט הערשעלען, איהם איבערגעגעבען מיינע אַלע פאַפירען און דאָס בילד...

פייבוש. אַ מעשה, אַ מעשה! היינט פאַרשטעה איהר, יודען, גאַטעניוס דרעהעלע? טע-טע-טע, דאָס איז אין רושטשוק גאָר הער-שעלע געשטאָרבען!...

גיסיע. אַדונער האָט מיך דערשלאָגען!... (פאלט אויף דער ערד, שלאגענדיג זיך מיטביידע הענט אין קאפ, און בלייבט ליגען ווי א שטיין).

שמואליק (ווישט מיט דעם אַרבעל די אויגען) שאַ, שמואליק! לייד צרות, קלעפ, שמיץ און זאָג דעם צדוק הדין—ראַדי סטאַראַטסיאַ וואַשע בראַדיע!... (ער פאלט אויף די כניע נעבען גיסיען. — דוואסיע מיט רייזעלע קומען צו).

**שפרינצע** (ברעכענדיג די הענט) בערוהיג דיך, רייזעלע, שטארק זיך, טאָכטער!

**רייזעלע.** וואס איז דא מאמע, אַזוינס געשעהען?

**דער סאָלדאַט** (צולויפענדיג געשווינד) מיין רייזעלע!...

**רייזעלע** (שטארק צוטישט) אַלכסנדר!... (זיי האפען זיך ארום און שטעהען אַ רגע שטיל).

**חאַסקיל** (צולויפענדיג) גוי, גוי איינער, מיט אַ אֵשת איש! (שלעפענדיג רייזעלען) אַ שענע פלונית׳טע, כ׳לעבען!...

**אלכסנדר** (אהאפנעבענדיג זיך פערציטערט) רייזעלע מיינע — אַ ווייבעל!... חאַסקילעס אַ ווייב!...